STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03764

ZINGEN MIR FAR SHOLEM

Sem Liptsin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זינגען מיר

פאַר שלום

150
לידער
צו
זינגען

לידער:
פאָלקס
אַמעריקאַנער
סאָוועטישע
ישראל
קאַמפס
הומאָריסטישע
ליבעס
ענגלישע

פּרייז — איין דאָלער

צונויפגעזאַמלט פון
סעם ליפּצין (אָנקל סעם)

SAM LIPTZIN
2815 Barker Ave., Bronx 67, N. Y.

פאַרוואָס „זינגען מיר״?

דאָס ביכל „זינגען מיר״ טראָגט איך צו ווי אַ צושטייער און אַ צעשטרייער צו די אידישע פאָלקס־מאַסן, ווייל דאָס אידישע פאָלק, ווי אַלע פעלקער, האָט ליב געזאַנג.

אַדאַנק אונדזערע קלאַסיקער, פיל דיכטער, מוזיקער, פאָלקס־זינגער און זאַמלער פון לידער, האָבן זיך אין דעם אידישן קולטור־אוצר אָנגעקליבן פיל פון סאָציאַלע לידער, שלום־לידער, פאָלקס־און פאָלקסטימלעכע לידער, קינדער־לידער, ליבע־לידער, הומאָריסטישע לידער און לידער פון דער „אַלטער היים״ און פון דער נייער וועלט, אויך אַדאַפּטירטע לידער פון פאַרשיידענע לענדער, פעלקער און שפּראַכן.

געזאַנג מונטערט, פאַראייניגט, איינס־און־צוויי ווערט פון אַ מזומן — אַ מנין. ווען די פאָלקס־מאַסן קומען צו אַ יום־טוב, אַן אַרויספאָר, אַ באַנקעט, אין אַ קעמפּ, אויף וואַקאַציע אָדער צו פאַמיליע ביי אַ גלעזל טיי „אַרום סאַמאָוואַר״ — ליגט ביי אַ צאָל מענטשן אויף די ליפּן אַ ניגון, אַ לידעלע. אָבער אָפט איז שווער צו „פאַרפעדימען״, ווייל עס פעלן־אויס די ווערטער אָדער די ריכטיקע מעלאָדיעס פאַר אַלעמען אַרום טיש זיך צו קאָנען באַטייליגן אין דעם מאַסן־געזאַנג.

דאָס האָט מיך דערמוטיגט צוזאַמענצושטעלן און אַרויסצוגעבן פון צייט־צו־צייט אַ זאַמלונג „זינגען מיר״ פון פּאָפּולערע לידער, אייגענע און פון פאָלק־פאַרשפּרייטע לידער און פּאַראָדיעס, וואָס ווערן גרינג אויפגעכאַפּט פון די פאָלקס־מאַסן. איינס־און־צוויי ווערט געשאַפן מיט דעם ביכעלע אין האַנט אַ לעבעדיק מאַסן־געזאַנג — אַ פאָלקס־כאָר.

ווינטשן מיר אייך: זינגט געזונטערהייט, מונטער און פריילעך, ווייל — „אַ פאָלק וואָס זינגט — גייט ניט אונטער״.

פאַר פרייד און פרידן!

פעם ליפּצין

נעמט מיט דאָס ביכל צו זינגען ביי אייערע
אונטערנעמונגען

פּאָפּולערע מעלאָדיעס פאַר יעדן ליד איז אָנגעצייכנט
אונטער די קעפּלאַך

אינהאלט

	זייט
פאַרוואָס „זינגען מיר"	2
זאָג ניט קיינמאָל	3
אָ, מיין ניט	4
עס ברענט	5
הערסטו, דעם רוף	6
אַלע טרינקען	7
ים ליד	8
אַ קרענעצע	9
האָף!	9
פאַרטיזאַנען ליד	10
ניין, ניין, ניין!	10
שוין אַוועק דער נעכטן	10
אַ לידעלע אין אידיש	11
איך וויל ניט קיין קייטן	12
שלום! שלום!	13
האָראַ	14
אַ שלום ליד	14
לחיים	15
ביים טייך	16
סטאַנציע דזשאַנקויע	17
קאַרטאָפל־זופּ	18
וויג־ליד	20
גענדזעלעך	20
הבאנו שלום עליכם	21
אַ פריילעכס	21
אויפן באַרג פון כרמל	21
קום, עס רופט די נאַכט	22
ביראָבידזשאַן	23
מיין פאַרמעגן	24
מים, מים	24
דער קאַפעליוש	25
זינגען אַ ליד איז אַ מחיה	25
בלומען האָב איך פיל געגומען	26
חנה׳לע לערנטע לשון קודש	27
העי, ציגעלעך	28
שמוליק, גאַזרעליק	29
אַ פאַסטוכל אַ טרוימער	30
דעם רבינס ניסים	31
אָי, דער שאַפּ	31
דריי טעכטערלעך	32
היטלערס מפלה	33
רבינו תם	34
יאַנקעלע	34
ליד פון אַ קאָלווירטקע	34
קון מאַ צען	35
אין דרויסן שפּריצט אַ רעגן	35
קאָרטן שפּילן אין אַן אומגליק	36
טרינקט דער קייסער טייל	37
זשומען בינען	37
קעגן גאָלד פון זון	37
דער ספּוטניק	38
אויפן וועג שטייט אַ בוים	39
צאינה	39
די גרינע קוזינע	40
איך בין דער באָס אין שאַפּ	41
אַ פריילעכער קבצן	41
האָבן מיר אַ ניגונ׳דל	42
שלום ליד	42
צו אַ קעמפערין	43
חנוכה	43
ניט יאָרן באַשטימען	44
פאַלט אַ שטערן	45
אויף בערלין	45
מיר זאָגן צו	46
הויב אויף דיינע אויגן	46
פאַר פרידן!	47
זאָל זיין אַ ביסעלע שטיל	47
מאַטעלע	48
סטרייק, סטרייק, סטרייק!	49
דער פישער	49
דער רבי אלימלך	50
שוואַרצע קאַרטשלעך	50
אוי, זייט מיר און האָט מיר	51
בויט, אַרבעטער, אַ יוניאָן	51

	זייט
שמחה מיט זיין אידענע	52
אַ טענה צו גאָט	52
אַי, אַי, אַי...	53
מיין מאַנטל	53
פינדזאַן	54
צו דיין געבורטסטאָג	55
אויפן ים ווייעט אַ ווינטעלע	55
שלאָף מיין קינד	55
אַ ליבע איז אַן אומגליק	55
דאָס אייביקע ליד	56
הוליעט, קינדערלעך	56
אויפן אויוון זיצט אַ מיידל	57
אַ טויב אַ ווייסע	58
באַלאַלייקע	58
און דו אַקערסט	58
איינגעמאַכץ	59
צום יאַריד	59
מעכוטענעסטע מיינע	60
רד הלילה	61
די מיזינקע אויסגעגעבן	62
אויף וואַקאַציע	62
סלינו על כתפינו	63
די קוישן אויף די אַקסל	63
מאַרשירן אַרבעטער	64
דער ייד דער שמיד	65
די קאָלאָניע זינגט	66
דאָס מאָרגן ליכט	66
מקבל פנים זיין	66
פאַפיר איז דאָך ווייס	67
האָפ מיינע המן־טאַשן	67
הבה נגילה	67
לאָמיר באַגריסן	67
ימ׳ען רוישן	67
קויפט, קויפט בייגעלעך	68
אַכציג ער, זיבעציג זי	69
פאַר אַ זיכערן מאָרגן	69
די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס	69
העכער, בעסער	70
העמערל	70
פיקעט, פיקעט	71

	זייט
זאָל זיין	71
דער קרעמער	71
מאַרגאַרעטקעס	72
לאָמיר זיך איבערבעטן	72
מיין רו פלאַץ	72
עם ישראל חי	72
קריג דעם קריג	73
אַרום דעם פייער	73
אַלע ברידער	73
חביבה׳לע	74
כאַפ לאַפערס	75
שטילקייט	76
אַן אַלטער דאַים	76
רעדן טויטע	77
זינגען מיר	77
די נייע צייט	77
די משקה	78
דער טורמע שליסל	79
אברהמל מאַרוויכער	78
געוואַלד עס ווילט זיך	81
אין אַן אָרעם שטיבעלע	82
פאַק זיך	83
קינדערלאַנד	83
דו פרעגסט מיך	84
ווער קען אים ?	84
אונדזער לאַנד	85
ברידער	85
זאָל קומען די גאולה	86
לאָמיר זיך איבערבעטן	87
ביים חתנ׳ס טיש	87
דו, דו	88
מחותנים גייען	89
טשאַסטושכן	90
שבת נאַכט	91
The House I Live In	92
Go Down, Moses	92
We Shall Overcome	93
We Are People	95
The Star Spangled Banner	96
The Partisan Hymn	96

ZOG NIT KEINMOL

זאג ניט קיינמאל

Text: H. GLICK *Music:* POKRAZ

טעקסט: הירש גליק .מוזיק: פאקראז



Zog nit keinmol, az du geist dem letztn veg,
Ven himlen blaiene farshteln bloie teg,
Vail kumen vet noch undzer oisgebenkte sho,
S'vet a poik ton undzer trot: mir zainen do!

Fun grinem palmenland biz vaitn land fun shnei,
Mir kumen on—mit undzer pain, mit undzer vei,
Un vu gefaln iz a shpritz fun undzer blut,
Shprotzn vet dort undzer gvure, undzer mut.

S'vet di morgn-zun bagildn unz dem haint,
Undzer nechtn vet farshvindn mitn haint,
Nor oib farzamen vet di zun un der kayor,
Vi a parol zol zain dos lid fun dor tzu dor.

Geshribn is dos lid mit blut un nit mit blai,
S'iz nisht kain lidl fun a foigl oif der frai,
Dos hot a folk tzvishn falndike vent
Dos lid gezungen mit naganes in di hent.

To zog nisht keinmol, az du geist dem letztn veg,
Chotsh himlen blaiene farshteln bloie teg;
Kumen vet noch undzer oisgebenkte sho,
S'vet a poik ton undzer trot: mir zainen do!

זאג ניט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט א פויק טאן אונדזער טראט — מיר זיינען דא!

פון גרינעם פאלמען־לאנד ביז ווייטן לאנד פון שניי,
מיר קומען אן מיט אונדזער פיין, מיט אונדזער וויי,
און וואו געפאלן איז א שפריץ פון אונדזער בלוט,
שפראצן וועט דארט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס'וועט די מארגן־זון באגילדן אונדז דעם היינט,
און דער נעכטן וועט פארשווינדן מיטן פיינט,
נאר אויב פארזאמען וועט די זון און דער קאיאר,
ווי א פאראל זאל זיין דאס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאס ליד מיט בלוט און נישט מיט בליי,
ס'איז ניט קיין לידל פון א פויגל אויף דער פריי,
דאס האט א פאלק צווישן פאלנדיקע ווענט
דאס ליד געזונגען מיט נאגאנעס אין די הענט.

טא, זאג נישט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאטש הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט נאך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס'וועט א פויק טאן אונדזער טראט — מיר זיינען דא!

— אָ, מיין ניט

פון י. ל. פּרץ

מיין ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע — באַשאַפן
מאַכן אַ וועג מיט פויסטן און נעגל
צום שענק־פאַס, און פרעסן און זויפן, ווען אַנדערע
קוקן פון וויטן מיט גלעזערנע אויגן,
פאַרחלשט און שלינגען דאָס שפּיאַכץ און ציען
צוזאַמען דעם מאָגן, וואָס וואַרפט זיך אין קרעמפן! —
אָ, מיין ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מיין ניט די וועלט איז אַ בערזע — באַשאַפן,
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
זאָל קויפן ביי אָרעמע מיידלעך די בושה,
ביי פרויען די מילך פון די בריסטן, ביי מענער
דעם מאַרך פון די ביינער, ביי קינדער דעם שמייכל,
דעם זעלטענעם גאַסט אויפן וואַקסענעם פּנים —
אָ, מיין ניט די וועלט איז אַ בערזע!

מיין ניט די וועלט איז אַ הפקר — באַשאַפן,
פאַר וועלף און פאַר פוקסן, פאַר רויב און פאַר שווינדל;
דער הימל — אַ פאָרהאַנג, אַז גאָט זאָל ניט זען;
דער נעבל — מען זאָלט אויף די הענט דיר ניט קוקן;
דער ווינט — צו פאַרשטיקן די ווילדע געשרייען;
די ערד — איינצוזאַפן דאָס בלוט פון קרבנות —
אָ, מיין ניט די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוואויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג ניט פאַרלאָשן!
פון טרערן ווערט טייכן, פון טייכן ווערט ימים,
פון ימים אַ מבול, פון פונקען אַ דונער —
אָ, מיין ניט לית דין ולית דיין!

5

עס ברענט

ווערטער און מוזיק : מ. געבירטיק



עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט !
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך,
ברענט !
·בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן,
און די בייזע ווינטן הודזשען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט ;
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
ווי אונדזער שטעטל ברענט.

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט,
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך,
ברענט !
ס׳האָבן שוין די פייערצונגען
ס׳גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען,
און די שלעכטע ווינטן הודזשען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

און איר שטייט או״וו

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט !
עס קאָן חלילה קומען דער מאָמענט,
ווען ס׳גאַנצע שטעטל מיט אונדז
צוזאַמען
זאָל אַוועק אין אַש, אין פלאַמען.
בלייבן וועלן ווי נאָך אַ שלאַכט
שוואַרצע, פוסטע ווענט.
און איר שטייט או״וו

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט !
די הילף איז נאָר אין אייך אַליין
געווענדט !
אויב דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט,
ווייזט נאָר וואָס איר קענט !

קוקט ניט ברידער, אָט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגט הענט ;
קוקט ניט ברידער, לעשט דאָס
פייער,
ווייל אונדזער שטעטל ברענט.

הערסטו דעם רוף?

טעקסט: **חיים שוואַרץ**   מוזיק: **מאַנשינגער**



הערסטו דעם רוף, מיין פריינט?
ס׳קלינגט איבעראַל.
ס׳טראָגט זיך פון שטאָט און דאָרף
מעכטיקער שאַל.
שטורעמט מיט העלדן־מוט
ס׳גאַנצענע לאַנד,
לאָמיר צוזאמען גיין,
גיכער גיב מיר דיין האַנט.

דרייסטער צום זיג!
פאָראויס, ברידער!

שטיי ניט פון וויטן איצט,
רייף איז די צייט.
צייט פון צערעבענונג
איז שוין ניט ווייט.
אויסברענגען וועלן מיר
בלוטיקע שאַנד.
לאָמיר צוזאמען גיין,
גיכער, גיב מיר דיין האַנט.

ביז איז דער פיינט און שטאַרק,
קריצט מיט די ציין.
לאָמיר צעשמעטערן
שונא׳ס געביין.

ס׳הויבן זיך פעלקער אויף
ברעכן די וואַנט.
לאָמיר צוזאמען גיין,
גיכער, גיב מיר דיין האַנט.

אַלע טרינקען

טעקסט און מוזיק פון מרדכי ירדני



(רעפרעין)
אַלע טרינקען, אַלע טרינקען,
אַלע טרינקען.
אַלע טרינקען, אַלע טרינקען,
אַלע טרינקען.

דער ים טרינקט די טייכן,
די זון טרינקט די ימען,
און עס טרינקען צוזאַמען,
דער טאַטע מיט דער מאַמען.
אַלע טרינקען... (6 מאָל)

די ערד טרינקט פון וואָלקן,
דעם פרוכטבאַרן רעגן.
דער שיכור טרינקט בראַנפן
דורך אַלערליי וועגן.
אַלע טרינקען... (6 מאָל)

עס טרינקען בוימער
דער טוי פון די גרעזער,
און עס טרינקען די מענטשן
פון פלעשער און גלעזער.
אַלע טרינקען... (6 מאָל)

עס טרינקט דער פעטער עליע
און די מומע דאָבע,
און עס טרינקען מיט חשק
דער זיידע מיט דער באָבע.
אַלע טרינקען... (6 מאָל)

מיר טרינקען צוזאַמען
דעם גרעסטן לחיים,
און עס טרינקען אַלע פעלקער
פאַר אַ וועלט אַ פרייער.
אַלע טרינקען... (6 מאָל)

און איך טרינק מיין ליבסטע,
דעם ליבע־ווייַן לוסטיק.
דיין מויל איז מיין בעכער —
און איך בין שטענדיק דורשטיק...

אַלע טרינקען... (6 מאָל)

(נאָכדרוקן פאַרבאָטן)

Yam Lid

ים ליד

ווערטער: ר׳ יהודה הלוי. אידיש: ח. נ. ביאַליק — מוזיק: מ. שניאור.



Ch'hob fargesn ale libste,
Ch'hob farlozt main eign hoiz
Ch'hob dem yam zich opgegebn
Trog mich yam tzum muter's
shois.

Un du mariv vint getrayer
Traib main shif tzu yenem breg.
Vos main hartz mit odler fligl
Zucht shoin lang tzu im a veg.

Breng mich nor ahin besholem
Noch dem fli zich dir tzurik
Grisn zolstu ale libste
Un dertzeil zei fun main glik.

כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז
כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן
טראָג מיך ים צום מוטער׳ס שויס.

און דו מערב ווינט, געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברענג מיר נאָר אַהין בשלום,
נאָך דעם פלי זיך דיר צוריק.
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק.
און דו מערב ווינט, א.אַ. וו.

אַ קרעניצע

א. פעפער

מוזיק: ס. פאלאנסקי



דאָרט וואו גראָזן זיינען נאַסער,
שטייט אַ קרעניצע פאַרטראַכט.
קומען מיידלעך ציען וואַסער
מיט די עמער אַלע נאַכט. (2)

פון די סטעפּעס ווינטלעך בלאָזן
און אַ פייערל דערברענט,
גייען מיידלעך אויף די גראָזן
מיט די עמער אין די הענט. (2)

אונטער זון ווי ווייסע בערן
וואַקסן טעג אין גרויסן סאָד.
און אין ווייטער שיין פון שטערן
טאַנצן יאַטן אין אַ ראָד. (2)

ווערט לבנה בלאַס און בלאַסער
ערגעץ פויקט מען אין דער נאַכט,
דאָרט ווי גראָזן זיינען נאַסער
שטייט אַ קרעניצע פאַרטראַכט. (2)

האָפּ

טעקסט: י. ל. פּרץ

האָפּ און גלויב, גלויב און האָפּ,
האָפּ און גלויב, גלויב און האָפּ,
האָפּ און גלויב!
האָפּ, האָפּ,

ניט ווייט איז שוין דער
פרילינג,
ס'וועלן באַלד שמעטערלינגען
שפּרינגען.

2 { נייע נעסטן, נייע פייגל,
וועלן נייע לידער זינגען.

האָפּ און גלויב, גלויב און האָפּ,
האָפּ און גלויב, גלויב און האָפּ,
האָפּ און גלויב!
האָפּ, האָפּ,

די נאַכט איז שוין פאַרשוואונדן,
און די וואָלקנס אויך צערונען,
העליש-בלוי וועט זיין דער הימל,
נייע שטערן, נייע זונען. } 2 מאָל
האָפּ און גלויב א. א. וו.

פאַרטיזאַנען ליד

טעקסט: הירש גליק



שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט
און דער פראָסט האָט שטאַרק געברענט,
צי געדענקסטו ווי איך האָב דיך געלערנט
צו האַלטן אַ שפּייער אין די הענט . . .

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט,
און האַלט אין האַנט פעסט אַ נאַגאַן,
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שונאס קאַראַוואַן.

געצילט, געשאָסן און געטראָפן
האָט איר קליינינקער פּיסטויל:
אַן אויטאָ אַ פולינקן מיט וואָפן
פאַרהאַלטן האָט זי מיט איר קויל.

פאַרטאָג פון וואַלד אַרויסגעקראָכן,
מיט שניי־גירלאַנדן אויף די האָר,
געמוטיקט פון קליינינקן נצחון,
פאַר אונדזער נייעם, פרייען דור.

ניין, ניין, ניין!

ניין, ניין, ניין, ניין, ניין, ניין,
ניין, ניין, ניין! (צוויי מאָל)
ס'וועט אונזער פאָלק נים אונטערגיין!

וועט פון שונאים, ווילדע שונאים,
וועט נים זיין קיין זכר פון געביין,
וועלן מיר דאָ שווערן,
אז די וועלט זאָל הערן:

ניין, ניין, ניין, ניין, ניין, ניין,
ניין, ניין, ניין! (צוויי מאָל)
ס'וועט אונזער פאָלק נים אונטערגיין!

שוין אַוועק דער נעכטן

װערטער: דר. ח. זשיטלאָװסקי
פאָלקס מעלאָדיע

שוין אַוועק דער נעכטן,
נאָך ניטאָ דער מאָרגן,
ס'איז נאָך געבליבען אַ ביסעלע היינט,
טאָ לאָמיר זיך נים זאָרגען.
טראַ, לאַ, א. א. ח.

לאָמיר נעמען אַ ביסעלע משקה
כל זמן מען איז נאָך ביים לעבן
אם ירצה השם אויף יענער װעלט
װעט מען אייך נישט געבן.
טראַ, לאַ, א. א. ח.

אַ לידעלע אין אידיש

פון יוסף קאָטליאַר

זינג־זשע מיר אַ לידעלע אין אידיש,
דערוועקן זאָל עס פרייד און ניט קיין חידוש,
אַז אַלע — גרויס און קליין
זאָלן עס פאַרשטיין,
פון מויל צו מויל דאָס לידעלע זאָל גיין.

צוזינג:

שפּיל, שפּיל, קלעזמערל שפּיל,
ווייסט דאָך וואָס איך מיין און וואָס איך וויל.
שפּיל, שפּיל אַ לידעלע פאַר מיר,
שפּיל אַ לידעלע מיט האַרץ און מיט געפיל.

(צוזינג)

אַ לידעדעלע אָן זיפצן און אָן טרערן,
שפּיל אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן.
אַז אַלע זאָלן זען,
איך לעב און זינגען קען,
שענער נאָך און בעסער ווי געווען.

(צוזינג)

לאָמיר זינגען כ׳לידעלע צוזאַמען,
ווי גוטע פריינט, ווי קינדער פון איין מאַמען.
מיין איינציגער פאַרלאַנג:
ס׳זאָל קלינגען פריי און פראַנק
אין אַלעמענס געזאַנג אויך מיין געזאַנג!

(צוזינג)

ב. וולאַדעק — מוזיק פֿון מיכל געלבאַרט

איך וויל ניט קיין אײַזערנע קייטן



. . . איך וויל ניט קיין אייזערנע קייטן,
איך וויל ניט קיין גאָלדענע קרוין,
2 } די קנעכטשאַפט איז מיאוס און ביטער —
זי מעג זיין די גאָטהייט אליין!

איך וויים ניט פֿגן מורא פֿאַר לייטן,
איך וויים ניט פֿון כורעים פֿאַר גאָט,
2 } מיין האַרץ איז מיין קנעכט און באַפֿעלער,
מיין ווילן איז אויך מיין געבאָט.

זאָל שילטן דער קליינלעבער שונא,
זאָל שאַרפֿן זיין טעמפּיקן שווערד —
2 } צו זינקען אין פֿינצטערן אָפּגרונט,
איז אים פֿון מיין צוקונפֿט באַשערט.

איך שפּין מיר מיין פֿאָדעם פֿון שטראַלן,
איך וועב מיר מיין גלויבן, מיין פּאַן —
2 } פֿון די וועלכע שפּילן אין לעבן,
געווינט נאָר דער דרייסטער דעם קאַן.

שלום! שלום!

פון סעם ליפצין



שלום! שלום! טויבן פליען,
מיר ווילן לעבן, איז דער רוף.
מענטשן ווילן וואקסן, בליען,
ווי אין גייסט אזוי אין גוף...

שלום, שלום, שלום, כאָרן
זינגען,
שטימען שאַלן און עס העלט,
זאָל דער רוף צו אַלע פעלקער זיך
צעקלינגען,
פאַר אַ נייער, פרייער וועלט.

באָמבעס זאָלן מער ניט שרעקן,
מיט שלום פאָן אויף ברייטן וועג,
פריד און פרייד זאָל רופן, וועקן,
צו דערגרייכן יעדן ברעג...
(שלום! שלום! א. א. וו.)

וואו ביטע ווינטן שפּרייטן פייער,
דאַרף דאָס פאָלק זיין אויף דער וואַך,
אויב דאָס קינד איז ליב און טייער
זאָל זיין שלום אונטער יעדן דאַך!...
(שלום! שלום! א, אַ, וו.)

האָרא

(אַ ליד פון בויאונג)

עס ברענט די אַרבעט,
עס ברענט, עס איז הייס.
ניטאָ קיין צייט
אָפּווישן דעם שוויס,
קלאַפּט איין דאָס אייזן,
גיסט דעם בעטאָן,
לאָמיר באַווייזן,
וואָס אַרבעט קאָן טאָן.

גיכער באַוואָפנט מיט פריידיק געמיט,
שנעלער, חברים אייל צו די טריט,
שטאָט נאָך שטאָט, קוקט זיך נאָר איין,
אָט וועט דאָס הויז באַלד פאַרטיק זיין.
טראַ לאַ, טראַל לאַ לאַ....
מיר בויען און שאַפן,
לויט אונדזער פּלאַן,
ברויט און קאַרטאָפל,
אויך ווייַן פאַראַן,
געווען שווער דער נעכטן,
מיר ווערן ניט מיד,
עס וועט מאָרגן זיין גרינגער,
עס קלינגט אַ ניי ליד.

טאָ אַרבעט מיט פרייד,
זאָל אייך ניט זיין שווער,
ווער מיט דעם האַמער,
ווער מיט דער שער,
מיר האַקן די וועלדער,
מיר בויען אויפסניי,
עס וועט אונדזער שטאָלץ
זיין מונטער און פריי.
טראַ לאַ, טראַל לאַ לאַ....

אַ שלום ליד

פון מאיר אייזענבערג (מיאַמי־ביטש)

(צוזינג) זאָל נאָר זיין שטיל, זאָל נאָר זיין שאַ,
לאָמיר אַלע זינגען אַ ליד אַזאַ,
לאָמיר אַלע זינגען פון אַ נייע צייט,
אַ שלום ליד מיט שמחה און מיט פרייד. (2)

קומען וועט אַ צייט, זי איז שוין גאָר־נישט ווייט —
פון רציחות און מלחמות וועט די וועלט ווערן באַפרייט.
באַפרייט פון נויט, שרעק און פיין,
אַ גרויסער יום־טוב אויף דער וועלט וועט דעמאָלט זיין. (צוזינג)

שיינען וועט די זון, פאַר אַלעמען גלייך.
שטראָמען וועט דאָס גליק, ווי אַ פליסנדיקער טייך.
מ׳וועט זינגען אַ געזאַנג, פון לשונות אַלערליי —
און אונדזער מאַמע לשון וועט אויך זיין צווישן זיי. (צחינג)

פאַרשווינדן וועט דאָס בייז, פאַרשווינדן וועט דאָס שלעכטס.
קיינער וועט ביי קיינעם מער נישט זיין קיין קנעכט.
שטאָלץ וועט זיין דער מענטש, ווי אַ פויגל פריי,
צו לעבן אויף דער וועלט, וועט דאָך דעמאָלט זיין כדאי. (צוזינג)

לחיים !

טעקסט פון: סעם ליפצין מוזיק: יוסף שראַגין



לחיים -- אַ שנעפּסל לאָמיר מאַכן.
לחיים — פאַר אַלע גוטע זאַכן. (רעפריין).

טאָ הויבט די גלעזלעך און רגלים,
לאָמיר אַלע טרינקען לחיים, לחיים, לחיים!
לחיים, לחיים — לחיים, לחיים --
לחיים, לחיים — לחיים, לחיים!

לחיים -- פון צרות מער ניט וויסן.
לחיים -- נאָר פון פרייד געניסן! (רעפריין)

לחיים — פאַר אַ וועלט אַ נייער.
לחיים — פאַר אַ וועלט אַ פרייער. (רעפריין)

לחיים -- פאַר שלום לאָמיר שטרעבן.
לחיים -- פאַר גליק און פרייד אין לעבן! (רעפריין)

לחיים -- פאַר דעם לאַנד דעם נייעם.
לחיים --- פאַר דעם לאַנד דעם פרייען. (רעפריין)

16 ביים טייך

פון מאַני לייב מוזיק: פון סאָלאָמאָן גאָלוב

אויף יענער זייט טייך איז די זון שוין פאַרגאַנגען,
אויף יענעם זייט טייך איז אַ מיידל געגאַנגען,
מיט בענקשאַפט אין האַרצן און ליבע אין בליק,
צו זוכן איר מיידלשן גליק.

די נאַכט האָט דעם טייך מיט אַ געפל באַצויגן,
ביים טייך איז דאָס מיידל געשטאַנען געבויגן,
און האָט אין דעם וואַסערל לאַנג, לאַנג געקוקט,
און האָט מיט די אַקסלען געצוקט.

און בלימעלעך בלויאינקע זיבן מאָל זיבן,
האָט זי ביי דער שיין פון לבנה געקליבן,
און האָט מיטן שטראָם זיי געלאָזן אַליין,
שווימט ווייט מיינע בלימעלעך, שוין.

שווימט גלייך ווייט אַהין, וואו די וואַסערלעך רינען,
און אפשר וועט איר דאָרט מיין גליק געפינען,
און אַז איר געפינט דאָרט מיין גליק,
שווימט בלימעלעך, גיכער צוריק.

די וואַסערלעך זיינען גערונען, גערונען,
די בלימעלעך האָבן דאָרט קיין זאַך געפונען;
קיין בלימעלע איז ניט געקומען צוריק,
וויין, מיידל, דו האָסט ניט קיין גליק!

זומפלאַנד (פון דייטש אידיש פון מ. אָלגין)

וואו עס טוט דאָס אויג אַ בליק, פלאַכע זומפלאַנד אומעטום.
פויגל שטים אונז ניט דערקוויקט, דעמבעס שטייען נאַקעט, קרום.
מיר זיינען זומפלאַנד ברידער
און שפאַנען מיטן רידל — אין זומפ!

אויף און אָפּ מאַרשירן פּאָסטנס, קיינער קען דאָ ניט אַרויס.
לויפן, וועט דאָס לעבן קאָסטן, הויך די צאָם, די וואַך איז גרויס.
מיר זיינען זומפלאַנד ברידער
און שפאַנען מיטן רידל — אין זומפ!

דאָך מיר טאָרן זיך ניט קלאָגן, ווינטער קען ניט אייביג זיין.
ס'קומט אַ טאָג, מיר וועלן זאָגן: פאָטערלאַנד ביסט ווידער מיין!
דאַן גייען זומפלאַנד ברידער
ניט מער שוין מיטן רידל — אין זומפ!

17 סטאַנציע דזשאַנקויע

(פֿון סאָוועטישן בוך „אידישע פֿאָלקס־לידער“)



אַז מען פֿאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל,
איז ניט ווייט פֿון סימפֿעראָפּאָל,
דאָרטן איז אַ סטאַנציע פֿאַראַן.
ווער דאַרף זוכן נייע גליקן?
ס׳איז אַ סטאַנציע אַן אַנטיקל
אין דזשאַנקויע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.
היי, דזשאַן, היי, דזשאַנקויע, היי, דזשאַנווילי, היי, דזשאַנקויע,
היי, דזשאַנקויע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.
ענטפֿערט; אידן, אויף מיין קשיה
וואו ז׳מיין ברודער, וואו ז׳אַבראַשע
ס׳גייט ביי אים דער טראַקטאָר ווי אַ באַן.
די מומע לאה ביי דער קאָסילקע,
ביילע ביי דער מאָלאָטילקע,
אין דזשאַנקויע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן. (היי, דזשאַן)
ווער זאָגט, אַז אידן קאָנען נאָר האַנדלען,
עסן פֿעטע יויך מיט מאַנדלען,
נאָר ניט זיין קיין אַרבעט־מאַן,
דאָס קאָנען זאָגן נאָר די שונאים,
אידן, שפּייט זיי אָן אין פּנים,
טוט אַ קוק אויף דזשאַן, דזשאַן. (היי, דזשאַן)

קאַרטאָפּל־זופּ מיט שוואָמען

פון מרדכי געבירטיג

וואָס האָבן מיר צו מיטאָג הײַנט? —
פרעגט יאָסעלע דער מאַמען, —
מיר ווילט זיך עסן, מאַמעניו,
קאַרטאָפּל־זופּ מיט שוואָמען.
— געזען אַ חוצפּה, ס׳ווילט זיך אים
קאַרטאָפּל־זופּ מיט שוואָמען,
כ׳האָב הײַנט געקאָכט אַ קנאָבל־זופּ,
וועסט אָסור זיך נישט טמען.

רעפרען: קאַרטאָפּל־זופּ וויל יאָסעלע,
און די עלטסטע טאָכטער טאָסעלע
גבירישע מאַכלימלעך האָט ליב,
נו גיב זיי פײַנע שפּײַזעלעך,
ווי אין יענע רײַכע הײַזעלעך,
אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

וואָס האָבן מיר צו מיטאָג הײַנט? —
אַרײַן אין שטוב קומט סאָסל —
מיר ווילט זיך עסן, מאַמעניו,
אוי, פּערפּעלעך מיט ראָסל!
— געהערט אַ חוצפּה, פּערפּעלעך
מיט ראָסל ווי מאַגנאַטן,
כ׳האָב הײַנט געקאָכט אַ קנאָבל־זופּ,
ס׳וועט אָסור דיר ניט שאַטן.

רעפרען: קאַרטאָפּל־זופּ וויל יאָסעלע,
פּערפּעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
קנאָבל־זופּקעס האָבן זיי נישט ליב,
און חיהלע ס׳מיזיניקל —
דאָס איז גאָר אַ מין מפּוניקל,
און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

קאַרטאָפל־זופּ

— וואָס האָבן מיר צו מיטאָג היינט?
אַריין אין שטוב קומט חיה —
כ'וויל באָבעלעך מיט קלוסקעלעך
מיר שמעקט דאָס אַ מחיה!
— געהערט אַ חוצפּה, באָבעלעך
מיט קלוסקעס איר גאָר שמעקן,
כ'האָב היינט געקאָכט אַ קנאָבל־זופּ,
וועסטו אָסור זיך ניט קרעקן.

רעפרען: קאַרטאָפל־זופּ וויל יאָסעלע,
פערפעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
חיהלע שרייט: מאַמעניו, מיר גיב,
באָבעלעך מיט קלוסקעלעך,
שלינג רינט פון זייערע פּיסקעלעך,
און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

וואָס טוט זיך דאָ? — פרעגט ס'מאַנעלע,
דעריזענדיק מיך בייזלעך, —
וואָס זיצט איר אַזוי ברוגזלעך,
אַראָפּגעלאָזט די נעזלעך.
— געהערט אַ חוצפּה, אָך און וויי,
פּרנסה־געבער מיינער!
געקאָכט אַ פיינע קנאָבל־זופּ
און עסן וויל ניט קיינער.

רעפרען: קאַרטאָפל־זופּ וויל יאָסעלע,
פערפעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
באָבעלעך מיט קלוסקעס איר גאָר גיב,
נו, קאָך זיי פיינע שפּייזעלעך,
ווי אין יענע רייכע הייזעלעך,
אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, קנאָבל־זופּ האָט אויך מיין מאַן נישט ליב.

וויג-ליד

טעקסט: הירש גליק   מוזיק: יוסף שראַגין



וויגט מיך די מאַמע איין,
זינגט האַרציק ווי אין תחינה;
וועסט, מיין קינד, אַ לייט נאָך זיין,
איינער אין מדינה.

רייס איך זיך אַרויס פון שויס,
לאָז זיך ניט פאַרוויגן;
אויב ס׳איז מיר באַשערט זיין גרויס,
פּאַסט מיר ניט צו ליגן.

בעט זיך די מאַמע: אוי, לאָז מיר צורו!
און איך זע צוויי ציגן,
קלעפּן זיך די אויגעלעך צו,
און איך ווער אַנטשוויגן.

גענדזעלעך

(אַ פאָלקסליד)

דאָרטן, ביי שטיבל, ניט ווייט פונעם טייכל,
פּאַשעט די גענדזעלעך אַ מיידעלע גאָר שיין,
די אויגעלעך גלאַנצן
אויף ליפּעלעך אַ שמייכל,
זינגט זי אַ לידל אויף אַהיים צו גיין.

היידא, היידא, היידא,
לויפט זשע גענדזעלעך,
אַהיים, אַהיים, אַהיים. (2)

דער אַלטער גאַנער, ער מעג אפילו פּלאַצן
וועט זי אים ניט נעמען. ניין, אַ, ניין, אַ, ניין.
וואָס טויג איר זיינע רייכע פּאַלאַצן,
ווען זי איז נאָך אַזוי יונג און שיין.

היידא, היידא, היידא, היידא,
לויפט זשע גענדזעלעך,
אַהיים, אַהיים, אַהיים. (2)

הבאנו שלום עליכם

יידישע ווערטער פון מ. בירנבוים

הבאנו שלום עליכם,
הבאנו שלום עליכם,
הבאנו שלום עליכם,
הבאנו שלום, שלום, שלום עליכם.

מיר ווילן אלע נאר שלום,
מיר בענקען אלע נאך שלום,
מיר זינגען אלע פאר שלום,
מיר רופן שלום, שלום,
שלום אויף דער וועלט.

מיר ווילן פרייהייט פאר אלע,
מיר ווילן גלייכהייט פאר אלע,
מיר ווילן ברידער זיין אלע,
מיר רופן שלום, שלום,
שלום אויף דער וועלט.

אלע שטעט, אלע גאסן,
אלע פעלקער, אלע מאסן,
אלע פארבן און ראסן,
מיר רופן שלום, שלום,
שלום אויף דער וועלט.

האבנו שלום עליכם....

א פריילעכס

פון א. סוצקעווער

עס האט זיך מיר די זיפ צעבראכן
האט זיך דאס מעל צעשאטן, (2)
ס'האבן זיך מיר די שיך צעריסן
טאנץ איך אין די זאקן...

טאנץ, טאנץ אביסעלע מיט מיר,
אביסעלע מיט מיר,
איך האב ליב דעם אידעם,
דו האסט ליב די שניר.

איך דאנק דיר גאט, איך דאנק דיר גאט,
פאר אלע דיינע טובות. (2)
חתונה געמאכט, אויסגעבראכט,
אפגעצאלט די חובות. טאנץ, טאנץ...

זיינען מיר איצט געבליבן,
בלויז מיר ביידע,
וועלן מיר אם ירצה השם
זיין באבע-זיידע. טאנץ, טאנץ...

וואקסן וועלן אייניקלעך,
גאר א מחיה. (2)
וועלן זיי שאפן
א וועלט, א בייע,
טאנץ, טאנץ אביסעלע מיט מיר,

אויפן בארג פון כרמל

אויפן בארג פון כרמל פאשנדיק די פי,
ער א יונגער פאסטוך, א פאסטושקע זי.
(צוזינג) זי לאכט צו אים, ער צו איר,
פלאמען פייער אויגן פיר. (2)

פאסטוך מיטן פייפל, דארף צוריק אין
דארף גיין,
נאך א ווילע ליבסטע, מיט מיר אין
וואלד אליין (צוזינג)

די זון איז שוין פארגאנגען, דער הימל
אין רויטן פלאם,
און די שעפסן מעקען, ביי דעם
בלויען ים. (צוזינג)

די נאכט איז צוגעפאלן, די שטערן
אין מיטן רוים —
פאסטוך און פאסטושקע, אין א בלויען
טרוים. (צוזינג)

קום, עס רופט די נאַכט...

ווערטער פון דוד סעלצער   מוזיק פון י. בעלקין



קום, עס רופט די נאַכט אונז, ליבסטע,
גאָלדפלוס איבער הימל מאַניעט,
זילבער איבער טייכל ציט.
נאָך דיין שטימע בענקען טאָלן,
נאָך דיין קערפּער לעכצן שטראָמען,
נאָך דיין אָטעם גאַרט דער צוויט.

קום, איך ברענג דיר פרייד, געליבטע,
זיסקייט אין די בלוטן ווייניקט,
אומרו שפּילט אין מיין געמיט.
לאָמיר מיט דעם טייך אַנטרינען,
וואו די שטילע ווערבעס דרימלען
אין דעם בלויען שטערן-ליכט.

BIRO-BIDJAN
(melodie fun Sovetishn film "Biro-Bidjan")



בירא-בידזשאַן

פון סעם ליפּצין

אַהאַ, אַהאַ,

סאָוועטנמאַכט האָט לאַנד געגעבן,
בויט דער איד אַ נייעם לעבן.

בירא-בירא, בירא-בירא,
בירא-בירא, בירא-בידזשאַן. (2 מאָל)

ער שטיצט זיך ניט אויף וואַנדער-שטעקן —
עס זעט די מאַכט פאַר אַלץ זאָל קלעקן. — צוזינג

לאַכט דער איד פון מעקלער, פאַקטאָר,
זיצט ביים רעדל, טרייבט אַ טראַקטאָר. — צוזינג

שניידט ער ברעטער, שניידט ער זאַנגען,
זינגט די יוגנט זיג-געזאַנגען. — צוזינג

אייגן מילך און אייגן קאָרן,
פילט דער איד ווי ניי געבאָרן. — צוזינג

בליען ווערגן, וואַקסן גאַסן,
אויסגעוואָרצלט האָס פון ראַסן. — צוזינג

מנחם-מענדלס טאַנצן כוואַטסקע
מיט קאָזאַקן — אַ קאָזאַצקע. — צוזינג

מיין פאַרמעגן

טעקסט: יוסף קערלער   מוזיק: יוסף שראַגין

ANDANTE



וואָס איז מיין פאַרמעגן,
אויב איר וועט מיך פרעגן?
לידער, לידער, לידער דריי
איז מיין גאַנץ פאַרמעגן.

דאָס ערשטע ליד איז בערעלעס,
די צווייטע ליד זיין מאַמעס,
די דריטע ליד איז ביידעמענס
און אַלעמענס צוזאַמען.

וואָס־זשע איז דאָס אַלעמענס,
וועט איר ביי מיר פרעגן?
אַלעמענס איז גאָר די וועלט
וואָס ווייסט ניט פון קיין ברעגן.

מים, מים

וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן } 2
מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה.
מַיִם (4) הוֹי, מַיִם בְּשָׂשׂוֹן (2)

הַ,הַ,הַ,הַ,
מַיִם (6) בְּשָׂשׂוֹן מַיִם (6)
מַיִם (3) בְּשָׂשׂוֹן. (2)

דער קאַפּעליוש

פון איציק מאַנגער

קיינער ווייס ניט וואָס איך זאָג,
קיינער ווייס ניט וואָס איך וויל.
זיבן קעצעלעך מיט אַ קאַץ 2-
שלאָפן אויפן דיל.

זיבן קעצעלעך מיט אַ קאַץ,
זיינען, דאַכט זיך — אַכט.
טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און זאָג: אַ גוטע נאַכט. 2-

טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און איך לאָז זיך גיין.
אַוואו־זשע גייט מען שפּעט
ביינאַכט
איינינקער אַליין? 2-

שטייט אַ קרעטשמע ביי דער זייט
און ווינקט צו מיר: דו יאָלד!
כ'האָב אַ פּעסעלע מיט וויין,
אַ פּעסעלע — מיט גאָלד. 2-

עפן אויף איך ברייט די טיר
און איך פאַל אַריין.
אַ גוט מאָרגן אַלע אייך, 2-
ווער איר זאָלט ניט זיין.

קיינער ווייס ניט וואָס איך זאָג,
קיינער ווייס ניט וואָס איך וויל.
צוויי שיכורים מיט אַ פלאַש 2-
ליגן אויפן דיל.

צוויי שיכורים מיט אַ פלאַש,
דאַכט זיך, זיינען דריי.
זיין אַ פערטער דאָ צום שפּיל 2-
לוינט זיך? ניט כדאי!

טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און איך לאָז זיך גיין.
אַוואו זשע גייט מען שפּעט
ביינאַכט 2-
איינינקער אַליין?

זינגען אַ ליד איז אַ מחיה

ווערטער: ה. גאָלדבערג

זינגען אַ ליד איז אַ מחיה (2)
טאָ, זינגט זשע, ברידער,
זינגט זשע מונטער,
אַ פאָלק וואָס זינגט גייט קיינמאָל
אונטער,
זינגען אַ ליד איז אַ מחיה. (2)

אַ ניגון, אַן אַלטער, צי אַ נייער,
זינגט עס וועט איר פילן פרייער.
טאָ, זינגט זשע ברידער,
זינגט זשע מונטער,
אַ פאָלק וואָס זינגט גייט קיינמאָל
אונטער,
זינגען אַ ליד איז אַ מחיה. (2)

האָסטו פאַרדראָס, צי האָסטו דאגות,
אָדער ביסטו חלילה ברוגז,
טאָ, זינגט זשע ברידער,
זינגט זשע מונטער,
אַ פאָלק וואָס זינגט גייט קיינמאָל
אונטער,
זינגען אַ ליד איז אַ מחיה. (2)

בלומען האָב איך פֿיל גענומען

ווערטער פון: קלמן פֿרידמאַן   מוזיק פון: אַדאָלף מאַן



בלומען האָב איך פֿיל גענומען,
אין אַ שיינעם קראַנץ פֿאַרפֿלאָכטן,
האָט זיך מיר דאַן אויסגעדאכטן,
אַז דו ביזט צו מיר געקומען.

כ׳האָב געשטעלט זיי אויפֿ׳ן פֿענצטער
און מיט וואַסער פֿריש באַגאָסן,
האָט אין שטילקייט ווער געפֿלאָסן
כ׳בין דיין ליבסטער, כ׳בין דיין שענסטער.

און פֿון בייַנקשאַפֿט ווי באַצוואונגען,
האָב איך ס׳בילד דיינס לאַנג געהאַלטן
און אַ ניגון דיינס אַן אַלטן,
אין דער שטילקייט אויסגעזונגען.

חנהלע לערנט לשון קודש

ווערטער: א. אלמי



בין איך מיר א לערעל און לערן לשון קודש,
קומט צו מיר א חנהלע לערנען אויפן חודש,
א יעטווידער פרימאָרגן, זי קומט צו מיר צו לויפן,
לערן איך מיט חנהלען — אויף א נייעם אופן.

ראש, פארטייטש איך חנהלען, גלעטנדיק איר קעפל,
פרעגט זי וואָס תפוח מיינט — ווייז איך איר אַן עפל.
און אז עס קומט צו דעם שיר השירים זאָגן,
הייבן אונזערע הערצעלעך שטארקער אָן צו שלאָגן.

איך לערן אַלעם חנהלען, וויל קיין זאך ניט היפן;
קומט צו ישקני — קוש איך אירע ליפן.
קומט צו תחבקני, מאַך איך ניט קיין שהיות,
כ׳נעם ארום מיין חנהלען, אוי, איז דאָס א חיות.

קומט זי אין פרימאָרגן, זאָגט זי צו מיר שלום!
און אז זי גייט אוועק — בלייב איך ווי אין חלום
עס גייט אוועק א וואָך — עס גייט אוועק א חודש,
און די שיינע חנהלע — קען שוין לשון קודש.

העי, ציגעלעך

פון מרדכי געבירטיג



העי, ציגעלעך, קומט אַהער צו מיר געשווינד,
אַ שיין לידעלע וועל איך אויפזינגען אײַך אַצינד,
ביס: פון אַ פּאַסטעכל הייבט דאָס לידעלע זיך אָן
און אַ מיידעלע וואָס האָט כישוף אים געטאָן.

העי, ציגעלעך, הערט וואָס ווײַטער איז געשען:
לוסטיק, לעבעדיק איז אַמאָל ב'פּאַסטעכל געווען,
ביס: הײַנט ווי אומעטיק, קוקט די שעפּעלעך נישט אָן,
בענקט נאָכן מיידעלע וואָס האָט כישוף אים געטאָן.

העי, ציגעלעך, הערט פון לידעלע דעם סוף:
ווי יתומימלעך בלאָנדזשען איצט זײַנע בידנע שאָף,
ביס: טיף אין טײַכעלע ליגט דאָס פּאַסטעכל נאָך הײַנט
און דאָס מיידעלע זיצט באַם וואַסערל און וויינט.

שמוליק, גאווריליק



שמוליק, גאווריליק, חברימלעך צוויי,
שפּילן זיך ביידע, קיין גלײַכן צו זיי —
אין פערדלעך, מיט שווערדלעך,
אין זאמד און אין ערד,
שמוליק — דער שמייסער,
גאווריליק — דער פערד.

שמוליק, גאווריליק, זיי וואקסן גיך אויס,
ליגט זיי אין זינען — אמעריקע איז גרויס.
געקומען צו שווימען
צו דער גאָלדענער ערד —
שמוליק — דער שמייסער,
גאווריליק — דער פערד.

שמוליק, גאווריליק אין גאָלדענעם לאַנד;
שמוליק — אַ באָס, גאווריליק — זיין „האַנט".
שמוליק — אין הימל,
גאווריליק — אין דער ערד —
שמוליק בלייבט שמייסער,
גאווריליק בלייבט פערד.

שמוליק, גאווריליק, קיין פריינט שוין ניט מער,
שמוליק אַ לענדלאָרד, אַ יחסן איז ער.
גאווריליק, זיין שכן, אין בעיסמענט, אין דער
ערד —
שמוליק בלייבט שמייסער,
גאווריליק דער פערד.

א פאַסטוכל אַ טרוימער

פון ז. ווײַנפּער —

מוזיק יעקב ראַפּעפּאָרט

האָט א פאסטוכל, א טרוימער
ליב געהאט צום הימל קוקן
האָבן זיך פון אונטער ביימער
וועלף גענומען רוקן.
האָבן שעפּסעלעך געבעקעט,
האָבן ציגעלעך געמעקעט,
און דעם פאסטוך מיטן שטעקן
נישט געקאָנט דערוועקן.

ווען דאָס פאסטוכל, דער טרוימער
האָט צום הימל זיך פארקוקט,
האָבן וועלף פון הינטער ביימער
טשערעדע פארצוקט.
האָבן שעפּעלעך געבעקעט,
האָבן ציגעלעך געמעקעט
און דעם פאסטוך מיטן שטעקן
נישט געקאָנט דערוועקן.

און ווען דאָס פאסטוכל,
דער טרוימער
האָט א היים זיך שוין געקליבן
זיינען אונטער אלע ביימער
ביינדלעך בלויז געבליבן.
קיינער האָט שוין נישט געבעקעט,
קיינער האָט שוין נישט געמעקעט,
אזא פאסטוך מיט א שטעקן
מעג די ערד פארדעקן!

אַי, אַ וועלטל...

(פאָלקס־ליד)

רבונו של עולם,
האַרציקער פאָטער דו,
ווי לאַנג וועל איך וואַרטן,
איך קאָן מער ניט שווייגן דאָ,

איך מוז מיר באַקלאָגן,
איך מוז דיר זאָגן — אי
דיין וועלטל די שיינע
איז ניט אַזוי אַי, אַי, אַי,
אַי, אַי־אַי, אַי־אַי, אַי־אַי.

איך אַרבעט און האָרעווע
און האָב קוים אַ שטיקל ברויט,
גרויס איז דער דלות,
גרעסער נאָך איז די נויט.
איך דאַוון דאָך טעגלעך,
דאָך ווי איז מעגלעך — אַי
איך האַלט פון תעניתים
און לעב ווי די מתים — אי,
אַי־אַי־אַי־אַי־אַי־י־אי.

איך מוז מיר באַקלאָגן א. אַז. וו.

די גבירים געגעבן
האָסטו אין פולער צאָל,
וואַרפן זיי מיר אַ ביינדל
אויך צו אַמאָל.
צדקה זיי שיינקען
און איך הויב אָן דענקען — אַי,
אַז דיך קען מען קויפן
אויף אַזאַ אופן — אַי,
אַי־אַי־אַי־אַי־י־אי.

איך מוז מיר באַקלאָגן א. אַז. וו.

דעם רבינס ניסים

איך וועל זינגען דאָ פאַר אייך
ניסים פון רבים,
און איר אַלע, דאָ מיט מיר
וועלן זיך טאַקע פרייען,
פון פאַרוסטער און פאַקוסטער
און פון סאדיגורער,
ניסים, אַז די האָר פון קאָפּ
וועלן זיך שטעלן קאַפּויר . . .

טשערעבים, טשערעבאָם,
טשערעבימבאָם־באַם באַם באַם. } 2

צו מײַן רבין פון בעטשוטש,
רבי יאַנקעלע גדליה׳ס,
קומט אַ ייד נעבעך קרום,
דערצו נאָך אויף צוויי קוליעס.
וואַרף אַוועק די קוליעס, זאָגט ער אים,
פאַרגלאָצט שטאַרק מיט די אויגן.
ווי דער ייד האָט אים געפאָלגט
האָט ער זיך אויסגעצויגן . . .
טשערעבים א. אַז. וו.

עס איז ערב־שבת, ווײַ איז מיר,
מ׳וועט שוין באַלד ניט טאָרן,
און דער רבי צו דעם שטעטל
האָט נאָך ווייט צו פאָרן.
איז וואָס־זשע טוט ער,
נעמט ער און באַשווערט
דעם פערד און דעם שליטן
שבת דאָ און שבת דאָרט,
דער רבי פאָרט אינמיטן . . .
טשערעבים א. אַז. וו.

שבת ביי דעם רבינס טיש.
ס׳איז געווען בין השמשות,
פאַרוואַרפט אַ ייד מיטן קאָפּ
און פאַלט באַלד אין חלשות.
איז ווי דער רבי האָט זיך נאָר
צוגערירט צום קרבן,
איז גלויבט עס יאָ, צי גלויבט דאָס ניט,
דער ייד איז באַלד געשטאָרבן . . .
טשערעבים א. אַז. וו.

אָי, דער שאַפּ

פון סעם ליפּצין

מעלאָדיע: „יאָסל בער"

ווי דער זייגער טוט אַ קלונג,
גיב איך גלייך פון בעט אַ שפרונג,
און איך כאַפּ די קליידער, שיך,
לויף אַוועק אין שאַפּ אויף גיך.

אוי, געוואַלד, דער שאַפּ איז ווי
אַ וואַלד,
ווי אַ חיה לויפט דער באָס —
אומעטום ער שטופּט די נאָז!.." } 2
עס דרייט די פּלייצע, שטעכט די זייט,
נאָר פאַר קרעכצן, ניטאָ קיין צייט.

איך מוז יאָגן גיך, געשווינדט,
ווײַל עסן וויל דאָס ווייב און קינד . . .
גיך דער סיזאָן לויפט אַוועק,
און עס קומט גאָר אָן אַ סלעק.
פוסט דער טייסטער אָן אַ סענט,
און ליידיק הענגען מיר די הענט . . .

גיי איך מיר אַרויס אין מאַרק,
זוך אַ יאָד מיר אויף מיין קאַרק.
דריי איך זיך דערשלאָגן שטיל,
דאָ קרעכצן מעג איך פיל איך וויל . .

דריי טעכטערלעך

פון מרדכי געבירטיג

ווען מיט מזל, געזונט און לעבן
ס׳עלטסטע טעכטערל מיר וועלן אויסגעבן
וועל איך טאַנצן מיר האָפּ, האָפּ!
אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ,
וועל איך טאַנצן, אוי, וועל איך טאַנצן —
אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ.

שפּילט, קלעזמאָרים! שפּילט מיט לעבן —
ס׳ערשטע טעכטערל היינט אויסגעגעבן,
נאָך געבליבן אונדז מיידלעך צוויי,
ווי האַלט מען שוין ביי זיי!
שפּילט, קלעזמאָרים, נעמט די כלי־זיין!
זאָל די גאַנצע וועלט מיט אונדז זיך פרייען,
אוי, אונדזער שמחה ווייסט נאָר איין גאָט
און דער וואָס טעכטער האָט.

ווען כ׳וועל זען שוין דאָס צווייטע מיידל
אָנגעטאָן אין ווייסן חופּה־קליידל,
וועל איך טרינקען און פריילעך זיין —
אַראָפּ פון האַרץ אַ שטיין,
וועל איך טרינקען, אוי, וועל איך טרינקען,
אַראָפּ פון האַרץ אַ שטיין.
שפּילט, קלעזמאָרים, הייבט אָן שניידן!
ס׳צווייטע מיידל גיבן מיר אויס אין פריידן,
דאָס מיזיניקל נאָך האָבן מיר,
ווי האַלט מען שוין ביי איר.
שפּילט, קלעזמאָרים, פאַר אונדז מחותנים,
זאָלן אַ לעב טאָן אויך אַמאָל קבצנים,
אַ קינד אויסגעגעבן, אוי, גאָטעניו,
אַ מיידל נאָך דערצו.

דריי טעכטערלעך

ווען בײַם לעצטן כ'וועל שפּילן הערן,
וועל איך עפּעס טרויעריק שטיין און קלערן —
ס'לעצטע טעכטערל שוין אויך אַוועק,
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק?
ס'לעצטע טעכטערל, אוי, ס'לעצטע טעכטערל,
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק?

שפּילט, קלעזמאָרים! באַזעצט די כלה,
צוגענומען אונדז די קינדער אַלע,
שווער געווען אונדז די טעכטער דרײַ
אוי, שווערער נאָך אָן זיי.
שפּילט, קלעזמאָרים, אַרויס אונדז טרערן,
ס'לעצטע בעטל וועט הײַנט ליידיק ווערן,
ס'גאַנצע שטיבל, איר קליידער־שאַנק —
אוי־חיי, ווי פּוסט און באַנג.

היטלער'ס מפּלה

פון אָנקל סעם

(מעלאָדיע פון „זינג איך מיר אַ לידעלע")

גערופן ט'ער זיך „פירער" און זיך געהאַלטן ווי אַ זייל,
געהויבן האָט מען העכט אים מיט אַ לאַנגן „העיל".
האָבן די הענט באַפרייט זיך און געגעבן אים אַ פּסק —
און אַלע האָבן צוגעפּאַטשט: האָפּ־טשאָק־טשאַק.

געווען איז ער אַ „פירער" מיט חוצפּה גאָר אַ סך.
האָבן די פאָלקס־מאַסן גענומען און געגעבן אים אַ קראַך.
צעלאָפן זיינען די „העלדן" אָן האַק און אָן פּאַק.
און אַלע האָבן צוגעפּאַטשט: האָפּ־טשאַק־טשאַק.

געמאַכט האָט ער אַן „אַקס" זיך און צוגעפּאַסט זיין ראָד,
געפירט האָט ער די נאַציס — אין אַ „רוסיש באָד"...
האָבן זיי געקראָגן „פּאַרע"... און „געבעזעמט מיט אַ קנאַק...
און אַלע האָבן צוגעפּאַטשט: האָפּ־טשאַק־טשאַק.

רבנו תם

איציק מאנגער — מוזיק׳ הערץ רוב

לאמיר זינגען א שיינע ליד
איידל, דידל, דאם.
ווי די גאלדענע פאווע פליט
איבערן שווארצן ים,
און טראגט א ליבע בריוועלע,
א שיינע ליבעס בריוועלע
צום רבנו תם (2).

ווער האט געשריבן דאס בריוועלע
איידל, דידל, דאי,
דאס בריוועלע האט געשריבן
די מלכה פון טערקיי.
געשריבן עס מיט רויטן טינט
און פארחתמעט עס געשווינדס
מיט הייסע טרערן דריי (2)
וואס שטייט געשריבן אין בריוועלע
איידל, דידל, דו,
רבנו תם איך ליבע דיך
און וואס זשע שווייגסט דו, נו,
איך עסע ניכט, איך טרינקע נישט
איך ווער צוזעצט פון בענקעניש,
איך האבע קיינע רו (2)
וואס זשע זאגט רבנו תם
איידל, דידל, דע,
ער גלעט די פאות און די בארד
און מאכט דריי מאל: פע;
און דאס ציגעלע אין שטאל
און דאס ווייסע ציגעלע
העלפט אים אונטער — מע. (2)
נו, און זי, די רביצין,
איידל, דידל, דאי,
זי שלאגט אים מיט א וואלגער האלץ
און מאכט צו אים אזוי:
שיקסעס ליגן דיר אין זין
און יאך, און יאך, און יאך וואו בין
דיין היים געליבטע פרוי (2)

ווער האט דאס ליד געמאכט
איידל, דידל, דאם.
א שניידער יונג האט עס געמאכט
לכבוד דעם רבנו תם,
און שבת, צווישן טאג און נאכט,
האט א לץ אריינגעלאכט
אקוראט צום גראם. (2)

יאנקעלע

טעקסט: מ. געבירטיג

שלאף־זשע מיר שוין, יאנקעלע מיין שיינער,
די אייגעלעך די שווארצינקע מאך צו.
א יינגעלע וואס האט שוין אלע ציינדעלעך,
מוז נאך די מאמע זינגען איי־ליו־ליו.

א יינגעלע וואס האט שוין אלע ציינדעלעך,
און וועט מיט מזל באלד אין חדר גיין,
און לערנען וועט ער, חומש און גמרא,
זאל וויינען ווען די מאמע וויגט אים איין?

א יינגעלע וואס לערנען וועט גמרא,
אט שטייט דער טאטע, קוועלט און הערט זיך
א יינגעלע וואס וואקסט א תלמיד חכם,
לאזט גאנצע נעכט דער מאמען ניט צורו?

א יינגעלע וואס וואקסט א תלמיד חכם,
און א געניטער סוחר אויך צוגלייך,
א יינגעלע א קלוגער חתן בחור,
זאל ליגן אזוי נאס, ווי אין א טייך?

נו שלאף־זשע מיר, מיין קלוגער חתן בחור,
דערווייל ליגסטו אין וויגעלע בא מיר —
ס׳וועט קאסטן נאך פיל מי און מאמעס טרער
ביז וואנען ס׳וועט א מענטש ארויס פון דיר.

ליד פון א קאלווירטקע

ס׳איז דער סטעפ שוין אפגעשארן,
און שוין אלץ צונויפגענומען.
ליבסטער מיינער, קום צופארן,
איך וועל ווארטן אויף דיין קומען.

די ארבוזן זיינען צייטיק,
ס׳גיים די זאפט פון זיי אריבער,
פול מיט זיסקייט אנגעגאסן,
ווי מיין הארץ איז פול מיט ליבע.

און די קארשן, ליבסטער מיינער,
זיינען שווארץ ווי דיינע אויגן,
אנגעשאטן אויף די ביימער
און די צווייגן זיך אזש בויגן.

קום צופארן, ליבסטער מיינער,
און גענוג שוין אונז צו טרוימען
רייף און צייטיק איז מיין ליבע,
ווי ס׳איז צייטיק מיינע פלוימען.

קון מאַ צען

טעקסט: שרה בארקאן מחיק: י. שראגין



גלייך שוין אויס מיין קינד דעם רוקן,
דאַרפן מיר זיך מער ניט בוקן.
כ'האָב פאַר דיר אַ נײַ געזאַנג
צינגאַ - צאַנגאַ—צינגאַ - צאַנג.

זע דיין מאַמע גלייכט זיך אויס,
אונזער לאַנד איז פריי און גרויס,
קוש מיך קליינער, קון מא צען,
צינגאַ—צאַנגאַ—צינגאַ—לען.

דאַרף דיין טאַטע ניט זיין קיין פערד
אונזער זון און אונזער ערד,
פריי זיך קליינער, קון מא צען,
צינגאַ לילאַ—צינגאַ—לען.

וועסט ניט זיין מער דאַר און קליין,
וואַקסן וועסטו שטאַרק און שיין.
הויב אָן לאַכן, קון מא צען,
צינגאַ—לילאַ—צינגאַ—לען.

ווען אין דרויסן שפּריצט אַ רעגן

ווען אין דרויסן שפריצט אַ רעגן,
ווערן גראָזן נאַס און די זאַנגען אויך.
אין מיין האַרצן ברענט אַ פייער...
נאָר ווער קען זען דעם רויך...

רעפריין:
האָ, האָ, האָ, האָ, האָ, האָ,
האָ, האָ, האָ, האָ, האָ...

צווישן בערג און צווישן וועלדער
לויפט אַ גרינער טייך און ווערט ניט מיד,
זינגט אַ פויגל צו אַ פויגל:
אוי, האָב איך דיך ליב!

ווען פון יעדן בוים זאָל זיין אַ פעדער,
פון אַלע ימים — טינט, פון פּאַפּיר — דער וועג,
צו באַשרייבן אונדזער ליבע,
וואָלט דאָס ניט געקלעקט.

קאָרטן שפּילן איז אַן אומגליק

(מעלאָדיע פון „אוי, אַ ליבע איז אַן אומגליק אויף דער וועלט")

פון כעם ליפּצין

שפּילן קאָרטן איז אַן אומגליק אויף דער וועלט.
אין יעדער הויז, וואו דאָס קומט נאָר אַריין,
עס קאָסט־אָפּ אַזוי פיל צייט און געלט,
דערצו איז דאָס מענטשלעך ניט־פיין.
פאַרוואָס ניט לערנען בעסער צו וויסן
און עפּעס דער מענטשהייט גאָר ברענגען?
קאָרטן מאַכט פון אַלץ אָפּגעריסן,
קאָרטן ברענגט — שיסן און הענגען.

גרופּן זיצן טאָג און נאַכט אַרום טיש.
קאָרטן איז דער „תהילים" און ס׳בענטשן.
יעדער איינער גיט אַ טאַש און אַ מיש,
און לאַכט נאָך פון אַנדערע מענטשן.
וואָלט נישט בעסער זיין צו נעמען
אַ בוך, איידער אַ „האַנט" אין אַ פּויקער?
דאָס בוך וועט אייך ניט פאַרשעמען,
די קאָרטן — זיי שאַפן אַ הויקער.

ליגן קינדער הפקר אין גאַס,
טאַטע־מאַמע פאַרנומען ביי דער „געים".
שפּילן קינדער זיך אויך ווי אין שפּאַס
אין טאַטע, אין מאַמע, אין היים...
זיי לערנען זיך אויסעט דאָס שפּילן
און מאַכן צו־שאַנד אונזער פּנים.
זיי פאָלגן נאָך די עלטערנ׳ס צילן —
„מעשי אבות ירשו בנים"...

טרינקט דער קייסער טיי

רבותי, רבותי! חכמים אָן אַ ברעג!
כ׳וועל אייך פרעגן, כ׳וועל אייך פרעגן?
נו פרעג־זשע, פרעג־זשע, פרעג!
ענטפערט אַלע אויף מיין שאלה:

ווי אַזוי טרינקט דער קייסער טיי?
מ׳נעמט אַ היטעלע צוקער,
און מ׳מאַכט אין דעם אַ לעכעלע,
און מ׳גיסט אַריין הייס וואַסער,
און מ׳מישט, און מ׳מישט,
אוי אָט אַזוי, אוי אָט אַזוי,
אַט אַזוי טרינקט דער קייסער טיי...

רבותי רבותי און אַזוי ווייטער...

ווי אַזוי עסט דער קייסער-בולבעס?
מ׳נעמט אַ פּעסעלע פּוטער,
און מ׳שטעלט אַוועק דעם קייסער אויף
דער אַנדערער זייט,
און אַ ראָטע סאָלדאַטן מיט האַרמאַטן,
שיסן די בולבעס, דורך דער פּוטער,
דעם קייסער גלייך אין מויל אַריין.
אוי, אָט אַזוי, אוי אָט אַזוי,
אָט אַזוי עסט דער קייסער בולבעס.

רבותי, רבותי און אַזוי ווייטער...

ווי אַזוי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט?
מ׳שיט אָן אַ פולן חדר מיט פעדערן,
און מ׳כמאַליעט אַהין אַריין דעם קייסער,
און דריי פאָלק סאָלדאַטן,
שטייען אַ גאַנצע נאַכט און שרייען, שאַ! שאַ!
אוי אָט אַזוי, אוי אָט אַזוי,
אָט אַזוי שלאָפט דער קייסער ביינאַכט...

זשומען בינען

זשומען בינען, בינען זשומען,
עס קליבגט פון ווייטן אַ גאַרמאָניק.
און אַרום איז וואַלד און בלומען,
און די לופט איז זיס ווי האָניק.
(רעפריין)

אַי, סאַראַ רחבות, קיין עין־הרע,
עס איז די ערד מיט זאַפט פאַרגאָסן.
מאַכן האָניק איז געוואָרן
שוין אַ יידישע פרנסה.

שטייען בינשטאָקן איך רייען,
עס איז די נאַכט אַזוי לבנהניק.
זאָלן זיך די קינדער פרייען
מיטן זיסן לינדן האָניק.
(רעפריין)

עסן געזונט דעם האָניק זיסן,
צווישן פעלדער, וועלדער בלויע
ווער גערעכטער האָניק פליסן,
עסט געזונט און האָט הנאה.
(רעפריין)

קעגן גאָלד פון זון

(אידיש־סאָוועטישע פאָלק־ליד)

קעגן גאָלד פון זון גייט אויף מיין גאָלד פון ווייצן,
קעגן גאָלד פון זון גייט אויף מיין גאָלדן גליק.
נייע האָריזאָנטן רופן מיך און רייצן,
נייע לידער זינג איך, — אידישער מוזשיק.

גייט די אַרבעט פריילעך פון גאַנץ פרי ביז אָוונט,
זון — איז מיין הודאָס; און פעלד איז מיין פאַבריק.
נעכטן, שכנים ווייטע — היינט, שוין אַזוי נאָענט,
אוקראַינער פויער, אידישער מוזשיק.

דער ספוטניק

ווערטער: פון סעם ליפצין   מוזיק: פון יוסף שראגין



א נייע וועלט איצט, קינדער פרייט זיך,
זעט נאָר ווי דער ספוטניק דרייט זיך,
זעט וואָס מענטש קען אַלץ אויסקלערן,
ווי צו פליען אין די ספערן.
מיילן, מיילן אין די הויכן —
מיט דער האַנט דעם הימל גרייכן.

זיידע און באָבע, אינגל און מיידל,
אַלע, אַלע, אַריין אין דריידל.
העי פּראָפעסאָר, העי לאַטוטניק —
לאָמיר פליען אין דעם ספוטניק.

אויפן מילך־וועג זיך דורכפאָרן.
זיין צו גאַסט ביי מעטעאָרן.
ניט מיט שיפן, ניט מיט באַנען —
מיט אַ ספוטניק מענטש וועט שפאַנען.
אַ נייער לעבן אַ גן עדן —
לאָמיר זען דאָס אַלץ אין פרידן.
(זיידע און באָבע).

מענטש וועט פליען ווי קאָמעטן,
צו דערגרייכן די פּלאַנעטן.
אויך צו דער זון און די לבנה
פליען וועט מען אָן סכנה.
אַזאַ יאַזדע איז ניט קיין חלום,
הימל און ערד עליכם שלום.
(זיידע און באָבע)

אויפן וועג שטייט אַ בוים

פון איציק מאַנגער

אויפן וועג שטייט אַ בוים, שטייט ער איינגעבויגן.
אַלע פויגל פון דעם בוים זיינען זיך צעפלויגן.
דריי קיין מזרח, דריי קיין מערב, און די רעשט קיין דרום.
און דעם בוים געלאָזט אַליין, הפקר פאַרן שטורעם.

זאָג איך צו דער מאַמען, הער, זאָלסט מיר נאָר ניט שטערן,
וועל איך, מאַמע, איינס און צוויי באַלד אַ פויגל ווערן.
איך וועל זיצן אויפן בוים און וועל אים פאַרוויגן
איבער ווינטער מיט אַ טרייסט, מיט אַ שיינעם ניגון. (טראַ־לאַ־לאַ־לאַ)

וויינט די מאַמע, איציק קרוין, און זי וויינט מיט טרערן,
וועסט חלילה אויפן בוים מיר פאַרפראָרן ווערן.
זאָג איך: מאַמע, עס איז אַ שאָד דיינע שיינע אויגן.
איידער וואָס. און איידער ווען ווער איך מיר אַ פויגל.

זאָגט די מאַמע: איציק, קינד, נעם, אום גאָטעס ווילן,
נעם כאָטש מיט אַ שאַליקל, זאָלסט זיך ניט פאַרקילן.
די קאַלאָשן טו דיר אָן, ס׳גייט אַ שווערער ווינטער
און די קוטשמע רוק אַראָפּ, ווי איז מיר, און ווינד איז מיר. (טראַ־לאַ־לאַ־לאַ)

און דאָס ווינטער־לאַיבל נעם, טו דאָס אָן, דו שוטה.
אויב דו ווילסט ניט זיין אַ גאַסט צווישן אַלע טויטע.
כ׳הייב די פליגל, ס׳איז מיר שווער, צו פיל, צו פיל זאַכן,
האָט די מאַמע אָנגעפּעלצט דעם פייגעלע, דעם שוואַכן.
קוק איך טרויעריק מיר אַריין אין דער מאַמעס אויגן,
ס׳האָט איר ליבשאַפט ניט דערלאָזט ווערן מיר אַ פויגל. (טראַ־לאַ־לאַ־לאַ)

אויפן וועג שטייט אַ בוים, שטייט ער איינגעבויגן,
אַלע פויגל פון דעם בוים זיינען זיך צעפלויגן.

צאינה

צְאֶינָה, צְאֶינָה, צְאֶינָה, צְאֶינָה
הַבָּנוֹת וּרְאֶינָה —
חַיָּלִים בַּמּוֹשָׁבָה!
אַל־נָא, אַל־נָא, אַל־נָא, אַל־נָא,
אַל־נָא תִּתְחַבֵּאנָה —
מִבֶּן חַיִל אִישׁ צָבָא!

צְאֶינָה, צְאֶינָה, צְאֶינָה, צְאֶינָה
הַבָּנוֹת וּרְאֶינָה —
חֲלוּצִים בַּמּוֹשָׁבָה!
אַל־נָא, אַל־נָא, אַל־נָא, אַל־נָא,
אַל־נָא תִּתְחַמֵּקְנָה —
מִבֶּן חַיִל אִישׁ צָבָא!

די גרינע קוזינע

טעקסט: י. לייזעראָוויטש



צו מיר איז געקומען אַ קוזינע,
שיין ווי גאָלד איז זי געווען, די גרינע.
בעקעלעך ווי רויטע פּאָמעראַנצן,
פיסעלעך וואָס בעטן זיך צום טאַנצן.

הערעלעך, ווי זיידן־וועב געלאָקטע,
ציינדעלעך, ווי פּערעלעך געטאָקטע,
אויגעלעך, ווי הימל־בלוי אין פרילינג,
ליפּעלעך, ווי קאַרשעלעך אַ צווילינג.

נישט געגאַנגען איז זי, נאָר געשפּרונגען,
נישט גערעדט האָט זי, נאָר געזונגען,
לעבעדיק און פריילעך יעדע מינע —
אָט אַזאַ געווען איז מיין קוזינע!

און אַזוי אַריבער זיינען יאָרן,
פון קוזינע איז אַ תל געוואָרן,
„פּעידעס" האָט זי וואָכנלאַנג געקליבן,
ביז פון איר איז גאָרנישט ניט געבליבן.

היינט, אַז איך באַגעגן מיין קוזינע,
און איך פרעג איר: „ס'מאַכסטו עפּעס, גרינע?"
זיפצט זי אָפּ, און כ'לייען אין איר מינע:
„אַזאַ מזל. אויף קאָלאָמבוס'עס מדינה!"

איך בין דער באָס ביי מיר אין שאָפּ

פון **זוני מאוד** — מעלאָדיע: „איך בין אַ באָרדער ביי מיין ווייב"

קומט אַן אָפּערעיטאָר
אַ „ציציליסט", אַ רויטער,
האָב איך פון אים צרות
אַן אַ נעק, נעק, נעק.
איך האָב פיינט די זאַכן,
ביי מיר גאָר סטרייקס צו מאַכן,
נעם איך און איך שיק אים
באַלד אַוועק, וועק, וועק.
(רעפריין).

ווייל איך בין דער באָס,
ביי מיר אין שאָפּ, שאָפּ, שאָפּ,
די אַרבעט מוז לויפן
האָריאָפּ, יאָפּ, יאָפּ.
איך האָב פיינט אינמיטן דערינען,
אַז מ'זינגט ביי די מאַשינען,
ווייל איך בין דער באָס
ביי מיר אין שאָפּ, שאָפּ, שאָפּ.

נעמען „ציציאַליסטן",
גלאַט אַזוי אומיסטן
און זעצן זיך אַוועק
אין אַ זעץ, זעץ, זעץ.
איך וואָלט בנאמנות
גענומען ווען איך קען עס
אויסגעראָטן אַלע
ווי די רעטס, רעטס, רעטס.
(רעפריין).

די געלטער, גאָט צו דאַנקען,
ליגן אין די באַנקען,
לעב איך מיר אַ לעבן
ווי איך וויל, וויל, וויל.
די ווייב, מיינע קינדער,
וואוינען זיך באַזונדער,
יעדערער האָט זיין אויטאָמאָביל,
ביל, ביל.

(רעפריין).

די טאָכטער אין מיאַמי,
אין פּאַריז די מאַמע,
און דער זון וואוינט
אין אָריענט, יענט, יענט.
און איך, גדליה נאָבל,
לעב זיך מיר אַן טראָבל,
בין איך מיר אין שול
אַ פּרעזידענט, דענט, דענט.
(רעפריין).

פריילעכער קבצן

פון אָנקל סעם (מעלאָדיע: „יאַ פּאַיזו פּאָ גאָראָדו")

איך בין אַ יאַט אַ פרייער,
אין קעשענע קיין דרייער.
איז דער מאָגן ביי מיר פּוסט
דאָך מיין קאָפּ איז ציל־באַוואוסט.
שריי איך מיר מיין טענה
די וועלט איז דיינע, מיינע.
קעמפט מיט מוט, עס וועט זיין גוט,
דער מאָרגן קומט אונז!

שטענדיק פריילעך, מונטער,
אין קאַמף איך זינג אויך אונטער.
איז די לאַגע מיינע שווער,
קעמפט איך שטאַרקער, קעמפט איך מער!
שריי איך מיר מיין טענה
די וועלט איז דיינע, מיינע
קעמפט מיט מוט, עס וועט זיין גוט!
דער מאָרגן קומט אונז!

האָבן מיר אַ ניגונידל

(פאָלקס־ליד)

האָבן מיר אַ ניגונ׳דל, זינגען מיר צוזאַמען
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס, קלינגט עס אַזוי שיין,
דאָס האָט נאָך געזונגען, דער טאַטע מיט דער מאַמען,
ווען זיי זיינען קינדערלעך געווען . .

אָט אַזוי־זשע ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער,
אַזאַ פריילעכס, אַזאַ פריילעכס, זינגט־זשע קינדער,
אָט אַזוי־זשע, ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער,
אַזאַ פריילעכס, זאָל מען טאַקע גיין.

האָבן מיר אַ ניגונ׳דל, אין נחת און אין פריידן,
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס, קלינגט עס אַזוי שיין,
דאָס האָט נאָך געזונגען, די באָבע מיט׳ן זיידן,
ווען זיי זיינען קינדערלעך געווען. (אָט אַזוי . . .)

האָבן מיר אַ ניגונ׳דל, מיט מזל — און מיט ברכה,
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס, קלינגט עס אַזוי שיין,
דאָס האָט נאָך געזונגען, די גאַנצע משפחה,
ווען זיי זיינען קינדערלעך געווען. (אָט אַזוי . . .)

האָבן מיר אַ ניגונ׳דל, זינגען מיר כסדר
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס, קלינגט עס אַזוי שיין,
דאָס האָט נאָך געזונגען, דער רבי אין חדר
ווען מיר זיינען קינדערלעך געווען. (אָט אַזוי . . .)

שלום ליד

לאָמיר אַלע פריילעך זיין,
לאָמיר אַלע זינגען (2).

זינגען פאַר שלום, זינגען פאַר ברויט,
בויען אַ מאָרגן אָן האַס און אָן נויט!

זינגען פאַר שלום, זינגען פאַר ברויט,
בויען אַ מאָרגן אָן האַס, אָן נויט!
בויען אַ מאָרגן אָן נויט!!



צו אַ קעמפערין

פון סעם ליפצין



גיב דיין האנט מיר בראווע מיידל,
ווארף א פונק פון אויג צו מיר,
וועל איך ענטפערן מיט פלאמען,
ווייל עס ציט מיין הארץ צו דיר.

דיעע אויגן ברענען מונטער,
פול מיט פייער איז דיין בליק.
לאָמיר אויסקעמפן א לעבן,
וואס זאָל פול זיין נאר מיט גליק.

קום, אינאיינעם לאָמיר קעמפן!
שליסן ביידע דאַ א בונד,
אויב דעם שונא'ס קויל וועט טרעפן,
וועסטו היילן מיר די וואונד . . .

לאָמיר ביידע גיין צוזאמען,
זייט ביי זייט, אין איין ריי,
מיט יעדן קוש — א קויל דעם שונא,
און מיר שיסן — איינס און צוויי . .

דו א רידל — און איך א האמער,
איך טראָג ציגל — און דו לייס,
גליקלעך לעבן וועלן מיר ביידע
אין א נייער, פרייער היים.

חנוכה

טעקסט: מ. ריוועסמאן **פאָלקס-מעלאָדיע**

חנוכה, אוי, חנוכה, א יום-טוב א שיינער,
א לוסטיקער, א פריילעכער, ניטאָ נאָך אזוינער;
אלע נאכט אין דריידל שפילן מיר,
זודיק הייסע לאטקעס עסן מיר.

געשווינדער,
צינדט קינדער,
די חנוכה ליכטעלעך אָן

2 מאָל } **לאָמיר אלע זינגען**
און לאָמיר אלע שפרינגען
און לאָמיר אלע טאנצן אין קאָן.

ניט יאָרן באַשטימען...

פון בלומע פיינשטיין   מוזיק: פון ל. סטילמאַן



ניט יאָרן באַשטימען,
ווען ס'ווערט אַ מענטש אַלט,
נאָר דער טאָג, ווען צום היינט
זיין באַציאונג ווערט קאַלט . . .

מיר האָבן דעם גלויבן,
מיר האָבן דעם שוואונג.
מיר קוקן צום מאָרגן —
מיר זיינען נאָך יונג.

מיר מאָלן און לייענען
און זינגען אין כאָר,
מיר פּראַווען יום־טובים —
ס'איז פריילעך ביז גאָר.

ביי טישן געדעקטע,
ס'איז ליכטיק און ריין,
די שטימונג געהויבן —
מען איז ניט אַליין . . .

דער נעכטן — ער דינט
ווי אַ וויזער פון וועג,
וואָס פירט אונז צו ווייטערע
ליכטיגע טעג.

מונטער מיר שפּאַנען
מיט גאַנג פון דער צייט —
צום ציל, ווען די וועלט וועט
פון שלעכטס זיין באַפרייט.

טאָ לאָמיר זיך ווינטשן:
געניסן נאָך לאַנג —
פון לעבן און שלום,
קולטור און געזאַנג.

מיר האָבן דעם גלויבן,
מיר האָבן דעם שוואונג.
מיר קוקן צום מאָרגן —
מיר זיינען נאָך יונג.

פאלט א שטערן

ווערטער — יאָסל בוכבינדער   מוזיק — שאול בלעכאראָוויטש



פאלט א שטערן נאָך א שטערן
אין דעם אײַנגעשטילטן רוים.
בין איך אָנגעגרייט צו הערן,
עפשער פאלט ער אף מײַן בוים.
עפשער ברענען מײַנע בלעטער,
עפשער סמאליעט זיך מײַן שטאם.

כ'וויל ניט אָפּלייגן אף שפּעטער,
כ'וויל פארלעשן איצט דעם פלאם,
אז וואָס מערער זאָל מיר בלײַבן
שיינע ביימער אין מײַן סאָד.
שוין פארלאָרן האָב איך צווײַגן,
יעדעס בלעטל מיר א שאָד.

אויף בערלין

פון סעם ליפּצין

(מעלאָדיע פון „או דהי לאיו")

פאַר צעשטערן די שוך,
פאַר רויבן האָב־און־גוטס,
פאַר חרוב מאַכן שטאָט,
פאַר א מאַמע, אַ טאַטע,
פאַר דער געלער לאַטע,
פאַר געבן דעם נאַצי געבאָט...

זיי האָבן געבליצט,
אויף קינדער אומבאַשיצט,
געוואָרפן פייער בראַנד,
מוזייען צעשטערט,
וויסן — פאַרוועהרט,
פאַרוויסטעט לאַנד נאָך לאַנד. (אויף בערלין)

אויף בערלין, אויף בערלין,
געקומען טעכטער, זין,
מיט שיף און געשפאַן,
מיט לופט און אויף באַן,
צום גרויסן יום־הדין!

פאַר טרייבן אין פרעמד,
פאַר אויסטאָן פון העמד,
פאַר מאַכן פעלקער שאַנד,
פון מענטש אַן אַף,
פון פרייהייט — שקלאַף;
און אַט איז לעצטער ראַנד! (אויף בערלין)

מיר זאָגן צו

טעקסט: מ. א. סול   מוזיק: מ. העלפמאַן

עס רוט דיין פּען, — עס רוען דיינע אויגן,
דאָס גרויסע הארץ — עס קלאַפּט ניט מער.
מיר שטייען דאָ — ביים קבר איינגעבויגן
און שווערן דיר, מיט אונזער וויטאָג, אונזער טרער:

די פאָן פון קאַמף וואָס דו האָסט הויך געטראָגן,
וועלן מיר טראָגן שטאָלץ אַזוי ווי דו!
ביז וואַנען עס וועט די פרייהייטס שעה ניט שלאָגן
וועלן מיר ניט וויסן פון קיין רו —
מיר זאָגן צו, מיר זאָגן צו.

עס קלאַפּט דיין הארץ אין הערצער מיליאָנען —
און זינגען קעמפער, זינגסטו מיט מיט זיי!
אין יעדן מאַרש פון פרייהייטס־באַטאַליאָנען
נייסטו פאָראויס — דער ערשטער אין דער ריי!

הויב אויף דיינע אויגן

טעקסט: באָוושעווער   מוזיק: י. שייפער

הויב אויף דיינע אויגן, אָ, פאָלק,
ניי ארויס פון די פינצטערע קעלערן,
הויב אויף דיינע אויגן צו מזרח, צו מערב,
צו צפון און דרום,
און זע די גע׳ירשנ׳טע אוצרות
און נעם פון דיין ארבעט די פירות.

אָ, זעסטו די שעפער, באַטראַכט די פאַבריקן?
דאָס שאַפן די מענטשן דעם מענטש זיינע גליקן:
זיי שניידן און שמידן און שאַפן דאָס לעבן,
דאָך פרעגט זיי, די בלייכע, וואָס שאַפן און שוויצן,
ווי גרויס זייער לוין איז און וואָס זיי באַזיצן...

פאַר פרידן!

פון סעם ליפצין

(אויף דער מעלאָדיע: „אויב סיוועט מאָרגן זיין קריג")

האָט צעעפנט די שלאַנג — איר גרויס
מויל, ווי אַ צוואַנג,
און שטשירעט אויף אונז אירע ציינער.
שטעלן מיר זיך אין ריי — מיט דער
פרייהייט־אַרמיי,
און מיר קעמפן אַלע ווי איינער!

אויף דער וואַך, אויף דער וואַך, פאַר
פרידן.
מיר שטייען גרייט — מיטן אויג און
געהער,
געגן שונא פון לאַנד — מיט דער
פאָן אין דער האַנט,
פאַר אַ זיג! פאַר אַ זיג! יאָ, איך
שווער!...

ניט מיט שרעק, וועט פאַשיסט — און
אויך ניט שוואַרצער ליסט,
וועט אונז נאו אין דער וועלט
איבערשרעקן.

די פאַראייניגטע האַנט — וועט
צעברעכן די וואַנט,
זייער פנים אינגאַנצן אָפּמעקן!
(רעפריין)

אין יו־עס — אַטאָם־מאַן, און אין רוים
— וואַטיקאַן —
ווי'ל אַ וואַנט געגן פרייהייט פאַרוועבן.
נאָר דער שפּינוועב ווערט שוואַך און
עס שטאַרקט זיך די וואַך —
אינ'ם קאַמף פאַר דער פרייהייט און
לעבן. (רעפריין)

לאָזט קיין זאַך ניט אין קאָן — יונג און
אַלט נעמט די פאָן —
געגן שונא און אַלע שאַקאַלן.
מיט מוח און מוט — קעגן קריג, טייכן
בלוט —
זאָל אַ זיג פאַרן פאָלק זיך צעשאַלן!
(רעפריין)

זאָל זיין א ביסעלע שטיל

זאָל זיין אביסעלע שטיל, שטיל, שטיל!
שטיל זאָל זיין, אביסעלע שטיל,
שטיל זאָל זיין, אביסעלע שטיל, שטיל, שטיל.
(ברומען)

לאָמיר זיך באפרייען,
לאָמיר זיך באנייען,
לאָמיר זינגען אָט דעם ניגון,
צו דעם לאנד, דעם לאנד דעם פרייען.

מאַטעלע

ווערטער און מוזיק : מ. געבירטיק

וואָס וועט דער סוף זיין, מאַטל,
זאָג־זשע מיר ?
ביזסט ערגער נאָך פון פריער געוואָרן,
באַקלאָגט האָט זיך דער רבי היינט אויף דיר,
אז דו דערגייסט אים זיינע יאָרן.
ס'איז נישט גענוג דו ווילסט ניט לערנען גאָר,
דעם רבין, נעבעך, טוסט דערצערנען,
שלאָגסטו זיך אַרום און שפילסט זיך נאָר
און שטערסט די קינדערלעך דאָס לערנען.
נישט אמת, טאַטע, וואָס דער רבי זאָגט,
אַ שלעכטער מענטש, נישטאָ זיין גלייכן,
פאַרוואָס דערציילט ער ניט ווי אונדז ער שלאָגט,
זע, טאַטעניו, דעם בלויען צייכן,
כ'האָב מיט אברהמלען זיך צעווערטלט בלויז,
ער האָט מיין חומשל צעריסן,
דערפאַר האָט אונדז דער רבי אויף זיין שויס
נאָך מיט אַ ניגונדל געשמיסן.

וואָס וועט דער סוף זיין, מאַטל ?
ענטפער ד'רויף :
די שכנים זאָגן, מ'מוז זיי גלויבן,
דו יאָגסט זיך גאנצע טעג ארום אין הויף,
און חברסט זיך מיט יאַנעקס טויבן.
צי איז דאָס שיין פאַר יידן, זאָג אליין,
מיט טויבן זיך אַרומצויאָגן ?
האָסט נעכטן, מאַטל, מיט אַ שטיין
דעם שכנס שויבן אויסגעשלאָגן.
נישט אמת, טאַטע, ס'איז גאָר קוים ארויס
אַ שטיקל שויב, מען קען'ס צוקלעפן.
איך יאָג זיך ניט, איך קוק זיך צו נאָר בלויז,
ווי שיין די טייבעלעך זיך שוועבן,
ווי פריי זיי שפּרינגען זיך ארום אין הויף
ווי שיין די קערנדלעך זיי פּיקן,
ווי שנעל זיי גיבן זיך אַ לאָז אַרויף
ווען זיי אַ פרעמדע טויב דערבליקן.

וואָס וועט דער סוף זיין, מאַטל, כ'פרעג דיך נאָר ?
אַ גרויסער יונג, קיין עין־הרע,
ווען איך בין אַלט געוועזן דרייצן יאָר,
געקענט ווי וואַסער די גמרא,
אַ ייד מוז לערנען תורה מיט גרויס פרייד,
נישט האָבן נאַרישקייטן אין זינען,
אַז וואויל דעם מענטש, וואָס איז צו גאָט, צו לייט,
וואָס קען גוט לערנען און געלט פאַרדינען.

דער זיידע האָט אַמאָל דערציילט פון דיר,
זאָגסט אויך נאָך טייבעלעך זיך יאָגן,
ביסט אויך פיל בעסער ניט געווען פון מיר,
דיין רבי האָט דיך אויך געשלאָגן.
היינט קענסטו לערנען, און האָסט געלט דערצו,
האָב, טאַטעניו, פאַר מיר קיין מורא,
ווען איך וועל ווערן גרויס, וועל איך, ווי דו,
פאַרדינען געלט און לערנען תורה.

סטרייק, סטרייק, סטרייק!

פון סעם ליפצין

(מעלאָדיע פון „ראָז, דוואָ, טרי, רעביאָ:ישקי מיי״)

די שטונדע האָט געשלאָגן צו ענטפערן דעם רוף;
פון אַלע זייטן קלינגט-שוין ארבעטער, שטייט אויף!

איינס, צוויי, דריי! שטעלט זיך אין דער ריי,
מיר מוזן זיך באפרייען פון יעדער שקלאפעריי!
סטרייק, סטרייק, סטרייק! צום קאמף מיט נייעם מוט,
סטרייק, סטרייק, סטרייק! ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט!

מאשינען זאָלן שווייגן, זאָל פוסטעווען פאבריק;
אָן יוניאָן, אָן קאָנדיציעס, מיר גייען נִיט צוריק!

יעדער האָט געלערנט, פארשטייט איצט גוט דעם זין:
א סקעב צו זיין איז מיאוס, א סקעב דאָס איז א שפּין.

ניט שרעקן זאָל קיין גענגסטער, קיין קלאָב פון פּאָליציי.
זאָל זיין נאָר איין ענטפער, אין פּיקעט-ליין איך גיי!

ס'איז אמת, זיי פארמאָגן מיליאָנען אָן א שיער,
עס וועט זיי גאָרנִיט העלפן, די הענט — דאָס האָבן מיר!

דער פישער

ווערטער: עליזה גרינבלאַט

פאָרט א פישער אויפן ים, ער פאָרט ארום באגינען;
ס'וויל דער פישער מן־הסתם, פישעלעך געפינען.
טרא־לא־לא, לא־לא־לא־לא־לא, פישעלעך געפינען.

גיי איך מיר ביים ברעג ארום און טו מיין חלום שפינען,
אפשר וועל איך ערגעץ־וואו — מיין ליבסטן דאָ געפינען.
טרא־לא־לא, לא־לא־לא־לא־לא — מיין ליבסטן דאָ געפינען.

מורמלען כוואליעס טרויעריק, — דער ים איז א באטריבטער;
צי אפשר איז ער גאָר ווי איך — אויכעט א פארליבטער.
טרא־לא־לא, לא־לא־לא־לא־לא — אויכעט א פארליבטער.

קומט דער פישער טרויעריג, ער האָט קיין פיש געפאנגען;
ווער איך מרה־שחורה'דיג — א חלום איז פארגאנגען.
טרא־לא־לא, לא־לא־לא־לא־לא — א חלום איז פארגאנגען.

דער רבי אלימלך

ווערטער: משה נאַדיר — מוזיק: פאָלקס־מעלאָדיע



אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך,
אלימלך,
האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל,
און האָט אָנגעטאָן דאָס היטל,
און געשיקט נאָך די פידלער די צוויי.
אַז די פידלדיקע פידלער
האָבן פידלדיק געפידלט, } 2
האָבן פידלדיק געפידלט,
האָבן זיי.

און אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן גאָר שטאַרק פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך, אלימלך,
האָט ער אויסגעטאָן די תפילין,
און האָט אויסגעווישט די ברילן,
און געשיקט נאָך די פייקלער, די צוויי.
אַז די פייקלדיקע פייקלער
האָבן פייקלדיק געפייקלט, } 2
האָבן פייקלדיק געפייקלט
האָבן זיי.

שוואַרצע קאַרשעלעך

שוואַרצע קאַרשעלעך רייסט מען און גרינע לאָזט מען שטיין;
שיינע מיידעלעך נעמט מען און מיאוסע לאָזט מען גיין.

אוי, ווי איז צו מיר און צו מיינע יאָר;
א ליבע האָב איך געשפילט פעליגע דריי פערטל יאָר.

וואָס טויג מיר די פאָלקע מאַזורקע; אַז טאַנצן קען איך זי ניט.
וואָס טויג מיר דאָס שיינע פיגורקע, אַז נעמען קען איך זי ניט.

וואָס טויג מיר די הענטלעך, די שיינע, אַז גלעטן, גלעטן זיי מיר נישט;*
וואָס טויג מיר די ליפעלעך די קליינע, אַז קושן, קושן זיי מיך ניט.

„אוי, זייט מיר און האָט מיר"

ווייס־רוסיש פאָלקס־ליד   באַאַרבעט פון נ. סאמאראָוו

אוי, זייט מיר און האָט מיר און לעבט אין עשירות,
און מיר וועלן פאָרן צו זיך אין דירות.
מיר האָבן געהוליעט מיט אַלע צוזאַמען,
כ'האָט קיינער געזען נאָך אַ יום־טוב אַזאַ מין.
ביי אייך זיינען פעלדער געדוימע און ברייטע,
מיט ווינטשן אייך יאָרן מיט פריידן פארזייטע,
מיר ווינטשן אייך טייכן מיט וואַסערן העלע,
זאָל שווימען אויף טייכן פון געגנדז אַ קאַפעליע.
מיר ווייסן שוין גוט אייער שטוב, אייער געפיל,
און גיבן דאָס וואָרט אייך אָן אייך ניט פאַרגעסן,
אַזוי צו אויף יום־טוב שוין קומען מיר וועלן,
און ס'וועלן מתנות שוין דערמאָלט ניט פעלן.

בויט, אַרבעטער, אַ יוניאָן!

פון סעם ליפצין

(מעלאָדי פון „סאַלידאַריטי פאַרעווער")

צעשראָקן, שטייט דער פאַראַזיט, עס שאָקלט זיך זיין טראָן,
דער אַרבעטער, ער האָט דערוואַכט; גענומען זיך צום טאָן.
מיט פרישע כוחות ליגט ער איצט אַ נייעם פונדאַמענט —
אַ יוניאָן שטאַרקט די הענט!
בויט, אַרבעטער, אַ יוניאָן! בויט, אַרבעטער, אַ יוניאָן!
בויט, אַרבעטער, אַ יוניאָן! אַ יוניאָן איז אונזער מאַכט!

ניט העלפן וועט דעם „באָס אַגענט" דער „בלעקדזשעק"
מיט דעם „גאַן",
ניט העלפן וועט זיי — פאָליציי, זיי קאָנען גאָרניט טאָן,
מיר קענען ליים און ליגן ציגל — עס וואַקסן שוין די הענט.
אַ יוניאָן שטאַרקט די הענט!

מיט נייעם גלויבן, פרישן מוט, מיר טראָגן אונזער פאָן,
צום אַרבעטער, אין שאַפ, אין גאַס, געבן אונזער טאָן.
דעם אייזן שמידן מוזן מיר, כל־זמן דער אייזן ברענט. —
אַ יוניאָן שטאַרקט די הענט!

שמחה מיט זיין אידענע

פון יאָסל קאָטלער

שמחה האָט געאַרבעט
ביי שלעסער פאַרשידענע,
איז געווען אַ סך אַרבעט ;
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.
דיידא, די דיידא, די דיידאַ.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נייסטאָ מער קיין שלעסער —
האָט ער באַקומען אַ פּלאַץ
צו קאַטשן פעסער.

פעסער און פעסלעך
אַלע פאַרשידענע,
איז געווען אַ סך פעסער :
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ מער קיין פעסער —
האָט ער אויסגעזוכט אַ שטעלע
און געוואָרן אַ פּרעסער.

האָט ער געפּרעסט און געביגלט
קליידער פאַרשידענע,
איז געווען אַ סך אַרבעט :
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ וואָס צו פּרעסן —
איז ער געזעסן ליידיג,
נישט געהאַט וואָס צו עסן.

האָט ער געהונגערט און געקרעכצט
מיט זיפצן פאַרשידענע,
איז געווען אַ סך קרעכצן
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.

אַ טענה צו גאָט

(פאָלקס־ליד)

הצלחה נאָ, אין מזל'דיגע שעה,
אָ, גאָטעניו, — אַ נו — גיב דו די מזל'דיגע שעה.
כל־זמן איך לעב און עס וואַרפט אָן אָדער זיך אין מיר.
ווי לאַנג נאָך וועל איך וואַרטן און בעטן זיך ביי דיר ?

איך בין דיר מוחל עולם הבאָ, יענע וועלט —
וואָס טויג מיר דאָרטן מזל, ווער דאַרף דאָרטן געלט ?
יענע וועלט פאַר דיר, גאָט, פאַר מיר — אַביסל מזל שיס.
מוחל זיבן הימלען פאַר אַביסל גליס . . .

מען זאָגט מיר צו — אויף יענער וועלט פיל רו,
דערווייל זיך פּלאָג — און לויף און יאָג
— ווער אויסגעריסן דאָ.
איך קאָן דאָס וועלטל כ'לעבן, אסור מיר פאַרשטיין,
פאַר יענעם קליידער מאַכן און נאַקעט גיין אַליין.

מען צווינגט מיר האָרעווען שווער און האַלטן צען געבאָט.
מען וואַרפט מיר צו אַ ביינדל און מען הייסט מיר
דאַנקען גאָט.
וואָס טוט זיך דאָ, אָ, גאָטעניו, ס'איז עפּעס גאָרניט גלאַט,
אַליין פון הונגער ליידן און יענעם מאַכן זאַט.

אַי, אַי, אַי...

(פאָלקס־ליד)

אין אַ שטעטל, ניט ווייט פון דאַנעץ,
אַי, אַי, אַי,
איז אַ רבי׳לע פאַראַנען,
אַי, אַי, אַי,
לערנט תמיד מיט די חסידים,
אַי, אַי, אַי,
די משרתים און תלמידים,
אַי, אַי. אַי, אַי, אַי, אַי, אַי, אַי, אַי,
אַי, אַי, אַי.

איז אַ נס אַמאָל געשען,
מען האָט דעם רבי׳נס זון דערזען,
מיט אַ חצופה צווישן בוימער,
אָן אַ שמש און אָן אַ שומר!

איז דער רבי באַלד געלאָפן,
מיט אַ שטעקן זיי באַשטראָפן,
האָט זיך טאַקע שטאַרק דערשראָקן,
בלויז דעם רבי׳נס זון, דער פלאָקן!

כאַפּט אַ בליק אויף דער מרשעת,
איז ביים רבי׳ן אַוועק דער כעס,
דעם זון, דעם גולם, האָט ער פאַרטריבן,
און מיט דער חצופה אַליין פאַרבליבן.

פרעגן אידן איינס דעם צווייטן:
סטייטש, וואָס זאָל דאָס דען באַדייטן?
אין רבי׳נס הויז אַזאַ מכשפה,
דעם רבי׳נס שטוב ז׳געוואָרן אַ טריפה!

ענטפערן אויף דעם די חסידים,
די משרתים און תלמידים,
דעם רבי׳נס חצופה האָט אַלע מעלות,
זי פסק׳נט שוין אַפילו שאלות!

מיין מאַנטל

האָב איך מיר אַ מאַנטל פון פאַרצייטיקן טוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
האָט ער ניט אין זיך קיין גאַנצן דוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,

דאַרום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם מאַנטל אַ רעקל געמאַכט,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
און פון דעם מאַנטל אַ רעקל געמאַכט.

פון רעקל — אַ וועסטל, פון וועסטל — אַ היטל,
פון היטל — אַ קעשענע, פון דער קעשענע — אַ לאַטע,

דאַרום האָב איך זיך באַטראַכט
און אַ נייעם מאַנטל זיך געמאַכט.

פינדושאן

המלים: ח. פיינר — המנגינה: מ. וילנסקי



הרוח נושבת קרירה,
נוסיפה קיסם למדורה
וכך, בזרועות ארגמן,
באש יעלה כקרבן.
האש מהבהבת, שירה מלבלבת,
סובב לו, סובב הפינג׳אן.
לי, לי, לי, ...

נזכר הפינג׳אן איך אליו
„החברה" הגיעו מקרב
איך מוטקה הג׳ינג׳י רטן
„אחד לא יחזור כבר לכאן" . . .
בדמע אין קצה סובב הוא בעצב,
סובב לו, סובב הפינג׳אן.
לי, לי, לי, ...

צו דיין געבורטסטאג

ווערטער און מוזיק פון א. גאלדפאדן

צו דיין געבורטסטאג,
צו דיין יום־טוב היינט,
האבן זיך פארזאמלט —
דיינע גוטע פריינט.

הורא! הורא! מיר ווינטשן דיר,
הורא! הורא! מיר ווינטשן דיר,
מיר ווינטשן דיר
געזונט און גליק.

שטיוול מיינע

(חלוצים ליד)

איבערזעצט: מ. העלפמאַן

מוזיק: י. ענגעל

היי, היי, היי, שטיוול מיינע,
גאָר אָן זוילן, שטיוול מיינע,
און די זון האַלט אין שיינען,
ברענט אומגעהויער, ברענט
און זי ברענט אומגעהויער
ס'מאַכט ניט אויס (5 מאָל)
דאָס לאַנד, דו בוי!
דו בוי דאָס לאַנד, דו בויער.
דו בויער, דו בויער,
דו בוי, דו בוי, דו בוי;

היי, היי, היי, העמד מיין העמדל,
און אין הארצן ברענט א ליבע,
און די זון האַלט אין שיינען,
ברענט אומגעהויער, ברענט
און זי ברענט אומגעהויער.

אויפן ים

אויפן ים וועיעט א ווינטעלע,
אוי א ווינטעלע
און די כוואַליעס שלאָגן.
איך האָב זיך פארליבט אין א שיין
איינגעלע
כ'שעם זיך פאר אייך אויסצוזאָגן.

ער האָט געבויט א שיפעלע,
אוי א שיפעלע,
אַרום און אַרום מיט פענצטער.
פון אַלע קאַרטינעס וואָס כ'האָב
איבערגעזען
איז ער דאָך פון זיי דער שענסטער.

אַז א גזלן קוילעט א מענטשן,
אוי א מענטשן,
קוילעט ער אים מיט א מעסער.
ער האָט מיר געקוילעט און ניט
דערקוילעט;
איז ער פון א גזלן נאָך גרעסער.

שלאָף מיין קינד

שלאָף מיין קינד, שלאָף כּסדר,
זינגען וועל איך דיר א ליד.
אַז דו מיין קינד וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן אַן אונטערשייד.

אַז דו מיין קינד וועסט עלטער ווערן,
וועסטו ווערן מיט לייטן גלייך.
דאַמאָלסט וועסטו געוואויר ווערן,
וואָס הייסט אָרעם און וואָס הייסט רייך.

די טייערסטע פּאַלאַצן, די שענסטע הייזער
דאָס אַלץ מאַכט דער אָרימאַן.
נאָר ווייסטו ווער עס וועט אין זיי וואוינען?
גאָרניט ער נאָר דער רייכער מאַן.

דער אָרימאַן, ער ליגט אין קעלער,
דער ווילגאַטש רינט אים פון די ווענט.
דערפון באַקומט ער א רעמאַטיז־פעלער,
אין די פיס און אין די הענט.
שלאָף מיין קינד.....

אַ ליבע איז אַן אומגליק

מוזיק אַראַנזשירט פון יעקב שייפער

אוי, אַ ליבע איז אַן אומגליק אויף דער וועלט,
צו וועמען זי פאַלט נאָר אַריין,
עס קאָסט אָפּ פיל כוחות און געלט,
צי קען מען דען ערגער זיין?

צו וואָס האָט מיר געטויגט צו וויסן
אַ ליבע אויף דער וועלט צו ברייגנען?
מיין האַרץ ווערט מיר אויסגעריסן,
דורך אַ ליבע קען מען זיך נאָך הע־ווענ־גען.

היינט זיצן מיר ביידע אויף אַ באַנק —
צומאָרגנס מוזטו אַוועקפאָרן,
פון האַרצווייטיק בין איך שוין קראַנק,
אוי ווי איז צו מיינע יאָרן.

אוי, וואָס האָט מיר געטויגט צו וויסן,
אַ ליבע אויף דער וועלט צו ברייגנען?
מיין האַרץ ווערט מיר אויסגעריסן,
דורך אַ ליבע קען מען זיך הע־ווענ־גען...

דאָס אייביגע ליד

פון סעם ליפּצין

(אויף דער מעלאָדיע פונעם ישראל־ליד „פינדושאַן”)

די יוגנט שטייט בראַד און איז שטאָלץ
צום פייער טראָגט יעדער צו האָלץ.
און דער לופט עס טראָגט זיך אַ פלאַם,
באַגלייט שיין מיט לידער, מיט גראַם —

און דאָס האַרץ פרייט זיך,
דאָס לאַנד עס בויט זיך.
עס זינגט און עס זינגט אַרבעטסמאַן!
(לאַ־לאַ־לאַ־לאַ)

דאָס שלעכטע וועט מוזן פאַרביי,
די יוגנט וועט שאַפן אַלץ ניי.
די פעלקער וועלן זיך אַלע פאַרשטיין.
ניט זיין וועט קיין עלנט מער — ניין!

נאָר זינגען צוזאַמען,
מיט האַרציקע פלאַמען:
דאָס אייביקע ליד — פון פריי זיין!
(לאַ־לאַ־לאַ־לאַ)

הוליעט, קינדערלעך

מ. געבירטיק

שפּילט אייך ליבע קינדערלעך,
פאַרגינט מיר אויך דאָס גליק.
נעמט מיך אויך אַריין אין קאָן
אָט דעם אויגנבליק.

הוליעט, הוליעט קינדערלעך,
כל־זמן איר זייט נאָך יונג,
ווייל פון דעם פרילינג ביז צום ווינטער
איז אַ קאַצן שפּרונג.

מיין נשמה איז נאָך יונג
און בענקט נאָך לוסט און פרייד.
אוי ווי גערן וואָלט איך זיך
פון שוועָרן יאָך באַפרייט.

הוליעט, הוליעט א. א. וו.

שפּילט אייך ליבע קינדערלעך,
פאַרלירט קיין אויגנבליק.
ווייל די יוגנט עקט זיך באַלד
און אויך מיט איר דאָס גליק.

הוליעט, הוליעט א. א. וו.

אפן אויוון זיצט אַ מיידל

(fun Sovetishn Buch "Yidishe Folks Lider")



אפן אויוון זיצט אַ מיידל, טומבאַ, טומבאַ, באַ.
און זי העפט אַ ווייסע קליידל, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

איז אַ בחור אָנגעפלויגן, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
ז'האָט דעם פאָדעם אָפּגעצויגן, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

— איי דו בחור, איי, דו פייער, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
ס'וועט דיך קאָסטן זייער טייער, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

כ'וועל ניט פרעגן דיך פון וואַנען, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
כ'וועל ניט אָפּלאָזן פון דאַנען, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

ניט מיט שטריק וועל איך דיך פענטען, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
נאָר מיט מיינע ווייסע הענטלעך, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

כ'וועל דיך האַלדזן, כ'וועל דיך ליבן, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
איז דער בחור דאָרט פאַרבליבן, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

אפן אויוון זיצן צווייען, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
ניט זיי העפטן, ניט זיי נייען, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

אַ טויב אַ ווייסע

מעלאָדיע פון „געליבטע שטאָט מיינס"

פון **סעם ליפּצין**

אַ טויב אַ ווייסע, פליט אין
דער ברייטער וועלט אַרום, —
טראָגט אַ רוף:
פאַר שלום, פרייד און ברויט —
מאַמע געטרייע,
באַשיץ דיינע קינדער פון פייער.
דאָס קינד היט אָפּ,
ווי דאָס אויג אין קאָפּ,
עס לויערט טויט!

דער בייזער מערדער,
גרייט צו די כּלי־זיין,
באַצאָלט פון הערשער,
פּאַראַזיט און לאָרד,
זיי נאַרן די מאַסן,
פירן זיי צום אָפּגרונט,
אין פּיסק פון שלאַנג,
צום אונטערגאַנג,
צו מאַסן מאָרד!

און ווען צוזאַמען,
איר וועט דעם רוף צעטראָגן,
וואָרענען קעגן דער בייזער שלאַנג,
נעמען די קינדער
אונטער אייערע פליגל,
וועט פרידן זיין,
ברויט מיט ווייץ,
און פרייד, געזאַנג!

באַלאַלייקע

שטייט אַ בחור און ער טראַכט,
טראַכט און טראַכט אַ גאַנצע נאַכט;
וועמען צו נעמען און ניט פאַרשעמען,
וועמען צו נעמען און ניט פאַרשעמען.

טום באַ־לאַ, טום באַ־לאַ, טום
באַלאַלייקע,
טום באַ־לאַ, טום באַ־לאַ, שפּיל
באַלאַלייקע.

מיידל, מיידל, כ'וויל ביי דיר פרעגן:
וואָס קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן?
וואָס קען ברענען און ניט אויפהער־ן?
וואָס קען בענקען, וויינען אָן טרערן?

נאַרישער בחור, וואָס דאַרפסטו פרעגן,
אַ שטיין קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן.
ליבע קען ברענען און ניט אויפהערן,
אַ האַרץ קען בענקען, וויינען אָן טרערן.

און דו אַקערסט און דו זייסט

מוזיק: י. שייפער

און דו אַקערסט און דו זייסט
און דו פּיטערסט און דו נייסט
און דו האַמערסט און דו שפּינסט
זאָג מיין פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

נאָר וואו איז דיין טיש געגרייט?
נאָר וואו איז דיין יום טוב קלייד?
נאָר וואו איז דיין שאַרפע שווערד?
וועלכעס גליק איז דיר באַשערט?

מאַן פון אַרבעט אויפגעוואַכט!
און דערקען דיין גרויסע מאַכט!
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל.
קלינג, קלאַנג, שטייען אַלע רעדער שטיל...

איינגעמאַכץ

די גאַנצע הויז גייט כאַדאָראָם;
דער ווינט צעבלאָזט אַ פייער,
דאָס בלוט אין אַלע אָדערן,
יאָגט פריילעכער און פרייער.

צוזינג:
די מאַמע פרעגלט איינגעמאַכץ
פון מאַלינעס ווי סאַמעט,
איך שטיי נעבן איר אַן איינגעדאַרטס,
איינגאַנצן אויסגעמאַטערט.

איך שטיי נעבן איר אַן איינגעדאַרטס,
נאָר אָדערן און ביינער,
די מאַמע פרעגלט איינגעמאַכץ,
און איך בין נאָך אַ קליינער.

און יעדער פוכקע מאַלינע
מיט זאַמד־צוקער באַשיט זי,
און נאָר אַראָפּגעפאַלענע
די קינדער אירע גיט זי.

(די מאַמע פרעגלט איינגעמאַכץ א. אַז. וו.)

מיר שטייען אין באַלעקן זיך,
די אויגן ווערן ווייניג,
מיר ציטערן, מיר עקן זיך,
זיי פאַלן אַזוי ווייניג...

מיר כראָמקען די פּאָדפּאַליקעס
מיט קנאָבל אַלטן שאַרפן,
און ערגעץ שטייען מאַלינעס
מען זאָל עס ניט באַדאַרפן...
(די מאַמע פרעגלט איינגעמאַכץ א. אַז. וו.)

צום יאַריד

גיי איך מיך מיט גיכע, מיט גיכע טריט,
נאָך אַ פערדל צום — יאַריד, יאַריד,
מיטן בייטל קלינג איך, קלינג איך מיר,
און אַ לידל זינג איך, זינג איך מיר.

צו דער שטאָט איז — ווייט, ווייט, ווייט,
שטייט אַ קרעטשמע ביי דער — זייט, זייט, זייט,
ברייט צעעפנט איז די — טיר, טיר, טיר,
קרעטשמער גיב אַ גלעזל, אַ גלעזל ביר.

נאָך אַ גלעזל נאָך — אַ גלאָז, אַ גלאָז,
גיסט מיר אָן דער באַלע־באָס, באַלעבאָס.
ווער מיר שטאָט, ווער מיר יאַריד,
און קיין פערדל דאַרף איך, דאַרף איך ניט.

און קיין פערדל האָב איך — ניט געקויפט,
און דאָס געלט האָב איך — שוין לאַנג פאַרזויפט,
און פאַר צרות שפרינג איך, שפרינג איך מיר.
און אַ לידל זינג איך, זינג איך מיר.

מעכוטענעסטע מיינע

א פאָלק ליד

(fun Sovetishn Buch "Yidishe Folks Lider")



מחותנת'טע מיינע, מחותנת'טע געטרייע,
אוי, לאָמיר זיין אויף אייביג מחותנים!
איך גיב אייך אוועק מיין טאָכטער פאר שנור,
זי זאָל ביי אייך נים אָנווערן דאָס פנים.

מחותנת'טע מיינע, מחותנת'טע געטרייע,
מיין קינד זאָלט איר פרי ניט וועקן:
און טאָמער וועט איר זען אַז עוולה אויף מיין קינד,
ווי אַן איינענע מאַמע זאָלט איר דאָס פארדעקן.

מחותנת'טע מיינע, מחותנת'טע געטרייע,
אויף קינדער האָבן טוט מען בלוט פארגיסן;
און טאָמער וועט איר זען, אַז דער זון האָט ליב די שנור,
זאָל עס אייך גאָרניט פארדריסן.

מחותנת'טע מיינע, מחותנת'טע געטרייע,
איך פאָר צו אייך מיט אַ פאַריקל;
טאָמער וועט איר זיין אַ שלאָס, אַ בייזע שוויגער,
איז מיין טאָכטער אויכעט אַן אנטיקל.

Rad Halaila / רַד הַלַּיְלָה

הַמִּלִּים: י. אוֹרְלַנְד



Rad halayla, rav shireinu,
Habokeya lashamayim.
Shuvi, shuvi horateinu,
Mechudeshet shivatayim.

Shuvi, shuvi venasov,
Ki darqeinu ein la sof,
Ki od nimshechet hashalshelet,
Ki libeinu leiv echad,
Minei ad vaadei ad,
Ki od nimshechet hashalshelet.

רַד הַלַּיְלָה, רַב שִׁירֵנוּ,
הַבּוֹקֵעַ לַשָּׁמַיִם.
שׁוּבִי, שׁוּבִי הוֹרָתֵנוּ,
מְחֻדֶּשֶׁת שִׁבְעָתַיִם.

שׁוּבִי, שׁוּבִי וְנָסֹב
כִּי דַּרְכֵּנוּ אֵין לָהּ סוֹף,
כִּי עוֹד נִמְשֶׁכֶת הַשַּׁלְשֶׁלֶת,
כִּי לִבֵּנוּ לֵב אֶחָד
מִנֵּי עַד וַעֲדֵי עַד
כִּי עוֹד נִמְשֶׁכֶת הַשַּׁלְשֶׁלֶת.

די מיזינקע אויסגעגעבן

שטאַרקער, פריילעך,
דו, די מלכה, איך דער מלך,
אוי, אוי, איך אַליין,
האָב מיט מיינע אויגן געזען,
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען,
די מיזינקע אויסגעגעבן (2)

אַייזיק מזיק, די באָבע גייט אַ קאָזיק,
קיין עין הרע, זעט נאָר זעט,
ווי זי טופּעט, ווי זי טרעט,
אוי, א שמחה, אוי אַ פרייד,
די מיזינקע אויסגעגעבן (2)

מאָטל שמעון,
אָרעמעלייט זיינען געקומען,
גרייט פאַר זיי דעם שענסטן טיש,
טייערע ווײַנען, טייערע פיש,
אוי, מיין טאָכטער, גיב מיר אַ קוש,
די מיזינקע אויסגעגעבן (2)

דער טייערער פעטער יאָסע,
די גוטע מומע סאָסיע,
האָבן מיר צום חתן מאָל
טייערע ווײַנען אָן אַ צאָל,
מיר געשיקט פון ארץ ישראל,
די מיזינקע אויסגעגעבן (2)

דריי ייִנגלעך

י. גויכבערג — מוזיק: מ. געלבאַרט

די מאַמע האָט דריי ייִנגלעך
דריי ייִנגלעך געהאַט,
מיט ווייכע, רויטע בעקעלעך
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.
האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — חיים שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן —
מען זאָל אים קויפן שיך.
איך האָב אייך אָפּגענאַרט
איך האָב געוואוסט איר וואָרט,
דאָס דריטע קליינע ייִנגעלע,
דאָס דריטע, דאָס בין איך.
די מאַמע האָט דריי ניסעלעך
פון דעם יאַריד געבראַכט,
דריי גוטע, פעטע ניסעלעך,
דריי ניסעלעך אַ פּראַכט:
איז איינס געווען פאַר בערעלען,
און איינס פאַר חיים שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסל
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.
איר וואונדערט זיך אַ ביסל
פאַרוואָס נים מיר אַ ניסל?
וויל ניסן, ניסן, ניסעלע,
וויל ניסן, דאָס בין איך.

אויף וואַקאַציע

פון אָנקל סעם

(מעלאָדיע פון „מאַטראָסן־טאַנץ")

קומט אָן דער זומער, פיל איך ניי געבאָרן,
ליי געלט אין אַקציע, און פאָר מיר אויף וואַקאַציע.

אין די בערג קום איך, נייע כוחות שאַפן,
האָט זיך גראָד געטראָפן, איך האָב נים וואו צו שלאָפן.

לייג איך זיך אין דרויסן, און קלער פון זון און בלומען,
לאָזן מיר נים קלערן, מאָסקיטאָס ווי די בערן.

איינעם ווילט זיך זינגען, אַ צווייטן — טאַנצן שפּרינגען,
אַ דריטער הייסט מיר זיצן, און הערן זיינע וויצן.

און איך מוז אַלץ אויסשטיין, איך קאָן דאָס נים פאַרמיידן,
געוואָלט האָב איך — וואַקאַציע, מוז איך איצטער ליידן.

סלינו על כתפינו

המלים: לוין קיפניס — המנגינה: י. בורוכוב

די קוישן אויף די אקסל....אידיש: בער גרין.



סַלֵּינוּ עַל כְּתֵפֵינוּ,
רָאשֵׁינוּ עֲטוּרִים —
מִקְצוֹת הָאָרֶץ בָּאנוּ,
הֵבֵאנוּ בִּכּוּרִים.
מִיהוּדָה, מִיהוּדָה וּמִשּׁוֹמְרוֹן
מִן הָעֵמֶק, מִן הָעֵמֶק וְהַגָּלִיל.
פַּנּוּ דֶּרֶךְ לָנוּ
בִּכּוּרִים אִתָּנוּ!
2 { הַךְ, הַךְ, הַךְ בַּתֹּף
חַלֵּל בֶּחָלִיל.

די קוישן אויף די אקסלען, די קעפ
באצירט מיט בלום,
פון נאענט און פון ווייטן,
מיט פרוכט פון אומעטום.
פון יהודה, פון יהודה און שמרון,
פון דעם עמק, פון דעם עמק און גליל,
2) קומט מיט פרוכט אנטקעגן,
די קוישן־פול ביז ברעגן,
2) קלאפט, קלאפט, קלאפט אין פויק,
אויפן פייפל שפילט.



מאַרשירן אַרבעטער

פון סעם ליפצין — מוזיק: פון לואיס סטילמאַן



איינס, צוויי, דריי, פיר! הענט און פיס גיט אַ צעפיר.
היינט איז יום־טוב ערשטער מאַי — יוניאַן־לייט אַריין אין ריי!
וואַרפט דעם לאָזונג שטאַלץ און הויך — יוניאַן, דאָס איז אונזער כוח!

איינס, צוויי, דריי, פיר! געגן שווינדלער, רעקעטיר,
געגן רעאַקציע און איר ציל, געגן אַנטי־יוניאַן ביל,
געגן מאָנאָפּאָל און טראַסט, געגן יקרות, הויכן קאָסט.

איינס, צוויי, דריי, פיר! מיר האָבן רייכטום אָן אַ שיעור.
געציילטע האָבן פון אַלץ אַ סך, ווען דעם בויער פעלט אַ דאַך,
עס פעלט אַ דזשאַב, עס פעלט אויף ברויט, זאָל אַ סוף זיין צו דער נויט!

איינס, צוויי, דריי, פיר! קלאַפּ אָן שטאַרק אין קאָנגרעס־טיר.
זאָל מען הערן אין סענאַט — געגנוג צו שפּילן זיך אין „בלאַט"
הערט־אויף מאַכן פוילע שטיק! דער זייגער קאָן ניט גיין צוריק...

איינס, צוויי, דריי, פיר! מיר גייען היינט ניט אויף שפּאַציר,
נאָר אין פּראָטעסט געגן נזילה, רויב, געגן מיסילס, אַטאָמען־שטויב
איז נעווענדעט אונזער טראָט, ברויט און שלום — אַ געבאָט!

איינס, צוויי, דריי, פיר! פאָדער רעכט פאַר דיר און מיר.
שלאָג־אָפּ צוריק דעם שאַנד־געזעץ, יואס וויל פאַרשפּרייטן סוועט־שאָפּ־קרעץ.
מאַרש פאָראויס, מיט טאַקט און טאָן. אייניקייט אויף אונזער פאָן!

Der Yid Der Shmid
דער ייד דער שמיד

װערטער: װאָלף יונין — מוזיק: װלאַדימיר חפץ



Lomir (4) machn an eign lid
Eins, tzvei, drai (2)
Eins Tzvei (2)
Eins Tzvei, Dray
Vegn, (3) a Yidn
A Yid a shmid
In zain shmid (2)
In zain shmiderai,
Rai (6)

Shmidt der Yid,
Der Yid, der shmid,
Eins tzvei drai (2)
Eins tzvei (2)
Eins tzvei drai
Un er (4)
Zingt zich tzu a lid
Yidish lid, (2)
Zingt a Yiddish lid derbai,
Rai (6)
Zingt a Yiddish lid derbai.

לאָמיר (4) מאַכן אַן אייגן ליד
איינס, צוויי דריי. (2)
איינס צוויי, איינס צוויי
איינס, צוויי, דריי,
װעגן (3) אַ יידן,
אַ ייד, אַ שמיד,
אין זיין שמיד (2)
אין זיין שמידעריי,
ריי (6).

שמידט דער ייד,
דער ייד, דער שמיד,
איינס צוויי דריי (2)
איינס צוויי (2)
איינס צוויי דריי,
און ער (4)
זינגט זיך צו אַ ליד,
יידיש ליד (2),
זינגט אַ יידיש ליד דערביי, ריי,
ריי (6)
זינגט אַ יידיש ליד דערביי.

די קאָלאָניע זינגט

מעלאָדיע: פון „אין׳ם גרויסן דאָרף"

פון סעם ליפּצין

קומט אַרויס די זון
און זי־צעוואַרימט זיך,
פּאַק איך איין די זאַכן,
אַנטלויף פון שטאָט אויף גיך...

טראַלאַלאַ, טראַלאַלאַ. (2)
פּאַק איך איין די זאַכן,
אַנטלויף פון שטאָט אויף גיך...

אויף אַ בערגל הויך,
אין אַ כאַטע פון פיר ווענט.
איך בין אַליין דער „לענדלאָרד",
קויס ניט פון קיין רענט...

אַ ברעט עס איז מיין טיש,
פּאַר אַ באַנק — אַ שטיין.
נאָר עס קומט צום עסן —
עס איך ניט אַליין...

און פאַלט צו די נאַכט,
די לבנה קומט אַרויס,
קומען קאָלאָניסטן
אַנטקעגן איר אַרויס...

ווער מיט אַ גיטאַר,
און ווער — מיט מאַנדאָלין.
פאַרגעסן ווערט דער שאַפּ און —
פאַרגעסן די מאַשין...

פאַרצויגן ווערט אַ טאָן —
און אַלע זינגען באַלד.
עס העלפט אַרויס דער עכאָ —
צעטראָגט דאָס איבער וואַלד...

זינגט מען ליד נאָך ליד,
און עס קלינגט אַ פּראַכט.
ביז די שיינע נאַכט, מאַכט —
אונז אַלע אַ גוטע נאַכט!...

דאָס מאָרגן־ליכט

אידיש: ל. מילער —
מוזיק: שאָסטאַקאָוויטש

עס וואַרט דער פרימאָרגן, דער קילער;
דאָס וואַרעמע זון ליכט אונז רופט —
עס שפּילן און זינגען סירענען
און וועקן צו אַרבעט אונז אויף.

וואָס ליגסטו, קוטשעראַווע, ברוגז, שטום,
וואָס פעלט דיר זאָג;
עס גייט דאָס בראַווע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

ווי ים כוואַליעס מעכטיג און רוישיג,
עס שלאָגט דאָ מיט אויפבוי און פרייד;
ווי שטאָל זיינען קערפּערס און בויגיג
צום לויף פון געוועטן שוין גרייט.

דו דרייסט זיך, קוטשעראַווע, ברוגז אוּם,
וואָס פעלט דיר זאָג;
עס גייט דאָס בראַווע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

ווי פריילעך עס שפּאַנען בריגאַדעס,
וואָס קען אָט די יוגנט ניט טאָן?
קום שטעל זיך אין ריי, קוטשעראַווע,
און האָסטו פאַרשפּעטיקט, יאָג אָן!

נו, ריר זיך, קוטשעראַווע מיידל, קום!
דיין ריי דעריאָג!
עס גייט דאָס בראַווע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

מקבל פנים זיין

לאָמיר אַלע אין איינעם, אין איינעם
— — — — מקבל פנים זיין (2)
לאָמיר אַלע אין איינעם, (2)
לוסטיק און פריילעך זיין.

פֿאַפּיר איז דאָך ווייס

פֿאַפּיר איז דאָך ווייס און טינט איז דאָך שוואַרץ,
צו דיר מײַן זיס לעבן, ציט דאָך מײַן האַרץ.
איך וואָלט שטענדיק געזעסן דרײַ טעג נאָכאַנאַנד
צו קושן דײַן שיין פּנים און צו האַלטן דײַן האַנט.

נעכטן בײַנאַכט בין איך איז אַ חתונה געווען,
פֿיל שיינע מיידעלעך האָב איך דאָרט געזען,
פֿיל שיינע מיידעלעך — צו דיר קומט נישט גאָר —
מיט דײַנע שוואַרצע אייגעלעך און דײַנע שוואַרצע האָר.

דײַן טאַליע, דײַן מינע, דײַן אידעלעך פֿאַסאָן,
אין האַרצן ברענט אַ פֿײַער, מען זעט עס נישט אָן
ניטאָ אַזאַ מענטש, וואָס זאָל פֿילן ווי עס ברענט,
דער טויט און דאָס לעבן איז בײַ גאָט אין די הענט.

אַך דו ליבער גאָט, הער אויס מײַן פֿאַרלאַנג,
דעם אושר גיסטו כּבֿוד, מיט אַ שיינעם גאַנג —
אַ, מיר גיב אַ שטיבעלע אויף דעם גראָז דעם גרינעם
אַז איך מיט מײַן זיס לעבן זאָלן וואוינען דערינען.

האָפּ מײַנע המן־טאַשן

ווערטער: מ. פּיראָזשניקאָוו

יאַכנע דוואָשע פֿאָרט אין שטאָט,
האַלט זיך אין איין פּאַקן
זי דאַרף אויף פּורים קויפֿן מעל
המן טאַשן באַקן.

האָפּ, מײַנע המן טאַשן
האָפּ מײַנע ווײַסע
האָפּ מיט מײַנע המן־טאַשן
האָט פּאַסירט אַ מעשׂה. (2)

ס׳גייט אַ רעגן, ס׳גייט אַ שניי,
ס׳קאַפּעט פֿון די דעכער,
יאַכנע פֿירט שוין די קאָרן מעל
אין אַ זאַק מיט לעכער.

האָפּ, מײַנע המן טאַשן . . .

יאַכנע טראָגט שוין שלח מנות
צו דער מומען יענטע
צוויי דרײַ שוואַרצע המן־טאַשן
האַלב רוי, האַלב פֿאַרברענטע.

האָפּ, מײַנע המן טאַשן . . .

הבה נגילה

הָבָה נָגִילָה (3)
וְנִשְׂמְחָה (2)

הָבָה נְרַנְּנָה (3)
וְנִשְׂמְחָה (2)

עוּרוּ, עוּרוּ אַחִים
עוּרוּ אַחִים בְּלֵב שָׂמֵחַ (4)

עוּרוּ אַחִים (2)
בְּלֵב שָׂמֵחַ.
הָבָה נָגִילָה . . . .

לאָמיר באַגריסן

לאָמיר — — באַגריסן (2)
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר.
לאָמיר — — באַגריסן.

ימען רוישן

פֿון **פּרץ הירשביין**

ימען רוישן, כוואַליעס שלאָגן,
נעכט און טעג;
הערצער שמאַכטן, לעבנס קלאָגן,
קלאָגן.
אַלטע וועגן, זיי פֿאַרפֿירן
אַלע לעבנס צו איין ברעג;
יונגע וועגן, זיי באַצירן
דײַנע טרוימען און זיי פֿירן
דײַנע טרוימען צו אַ ברעג.
מײַנע שטערן שײַנען העלער
אויף מײַן וועג.
זאָל דער מאָרגן קומען שנעלער
שנעלער.

קויפט, קויפט, בייגעלעך

פון סעם ליפצין

מוזיק: פון יוסף שראַגין



קויפט, קויפט, בייגעלעך,
פרישינקע נאָך הייס.
אַ פלעכטעלע — אַ צאַצקעלע
און ס'אייגעלע ניט גרויס.

קויפט, קויפט, בייגעלעך,
ס'איז געשמאַקער דאָך פון אַלץ;
זיי זעען ווי בראַסלעטן אויס —
ווי דימענטלעך דאָס זאַלץ.

קויפט, קויפט, בייגעלעך,
זיבן סענט אַ שטיק.
ווען איר וועט קויפן בייגעלעך,
וועט מיר דאָס ברענגען גליק.

קויפט, קויפט, בייגעלעך,
אַלע איינס-ווי-איינס.
באַטעמטע, אויסגעבאַקענע
ניטאָ ערגיץ אַזוינס.

קויפט. קויפט, בייגעלעך,
העלפט מיר אין מיין נויט.
ווען איר וועט עסן בייגעלעך —
וועל איך אויך האָבן ברויט...

אכציק ער און זיבעציק זי

ס׳איז היינט אַקוראַט געוואָרן פופציק יאָר
ווי זיי לעבן זיך אין איינעם, דאָס אַלטע פּאָר,
זיי האָבן זיך געעלטערט, קוקט אייך צו
אַכציק ער און זיבעציק זי.

גאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט
אין לעבן האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט געקריגט
נאָר נאטעלע, נאר באָבעלע רופן זיי זיך צו
אַכציק ער און זיבעציק זי.

אַזוי האָט מען גענומען צו ביסלעך ווײַן
דעם זיידן מיט דער באָבען אין ראָד אַריין
די מומע איז געגאַנגען אַקעגן אויף אַ קני
אַכציק ער און זיבעציק זי.

אַזוי האָט מען געהוליעט ביז האַלבע נאַכט
באָבעלע, זאָגט דער זיידע, אַ גוטע נאַכט
שלאָף מיר געזונט און דעק זיך צו
אַכציק ער און זיבעציק זי.

פאָר א זיכערן מאָרגן!

פון סעם ליפּצין

(מחיק: אַלבערט ביטער)

פאָרט א איד און זינגט זיך צו ;
פאָרט ברייט איבער טאָינע, —
טרייבט א טראַקטאָר, טראַק־טאָק־טאָק
פריי פון זאָרג און דאַיגע !

די יונגט זייט, און שניידט, און דרעשט,
יאָגט זיך ווי א וויכער ;
מ׳בויט, מ׳בויט, מ׳בויט דאָס לאַנד —
דעם מאָרגן מאַכן זיכער !

מ׳לאָזט אראָפּ זיך אין דער טיף,
צו גראָבן גאָלד און אייזן ;
מ׳הויבט זיך אויף אין סטראַטאָספער —
אַלץ קאָן מען היינט באַווייזן !

מ׳בויט קולטור, מ׳בויט פאַבריק,
מ׳שאַרפט די מאַכט פון וויסן ;
אַלץ פאַר אַלעמען איז גלייך —
צו נעמען און געניסן ;

ווער מיט האַמער, ווער מיט סערפּ,
ווער מיט פען און טויעך ;
אַלע, אַלע פאַר איין צוועק —
צו שטאַרקן אַרבעטער קויעך !

אין ביראָ־לאַנד איז סאָציגעוועט,
צו פאַרטיק מאַכן גיכער ;
מ׳בויט, מ׳בויט, מ׳בויט דאָס לאַנד —
דעם מאָרגן מאַכן זיכער !

די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס

די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס, און איך בין גאָר פאַרטשיג ;
דערזע איך א שיין מיידעלע, קריג איך צו איר חשק. לאַ־לאַ־לאַ . . .

מיר געפעלט דאָס מיידעלע, מיין מאַמע אין דער מיט ;
איך האָב ליב דאָס מיידעלע, מיין מאַמע וויל זי ניט. לאַ־לאַ־לאַ . . .

שיין איז דאָס מיידעלע, ווי די גאַנצע וועלט,
נאָר איין חיסרון האָט זי זיך, זי האָט דאָך ניט קיין געלט. לאַ־לאַ־לאַ . . .
געלט איז דאָך קיילעכדיג, עס קייקלט זיך אַוועק ;
נעם איך מיר מיין מיידעלע און פאָר מיט איר אַוועק. לאַ־לאַ־לאַ . . .

העכער בעסער

טעקסט : מ. וואַרשאַווסקי



העכער ! בעסער !
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער !
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט,
גליק האָט ער מיר געבראַכט,
הוליעט, קינדער, א גאַנצע נאַכט !
די מעזינקע אויסגעגעבן !

שטאַרקער ! פריילעך !
דו, די מלכה, איך, דער מלך !
אוי, אוי, איך אַליין
האָב מיט מיינע אויגן געזען,
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען !
די מעזינקע אויסגעגעבן !

איציק, שפּיציק,
וואָס שווייגסטו מיטן שמיציק ?
אויף די קלעזמער גיב א געשריי,
צי שפּילן זיי, צי שלאָפן זיי,
רייסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי !
די מעזינקע אויסגעגעבן !

אייזיק, מאַזעק,
די באָבע גייט א קאָזעק !
אָן עין־הרע, זעט נאָר, זעט,
ווי זי טופּעט, ווי זי טרעט,
אוי, א שמחה, אוי, א פרייד !
די מעזינקע אויסגעגעבן !

מאָטל, שמעון,
די אָרעמע לייט זיינען געקומען !
שטעלט פאַר זיי דעם שענסטן טיש,
טייערסטע ווייגען, טייערסטע פיש,
אוי, מיין טאָכטער גיב מיר א קוש !
די מעזינקע אויסגעגעבן !

העמערל

ווערטער : א. רייזען

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ !
שלאָג גיכער אַ שטועק נאָך אַ שטועק
אין שטוב איז קיין ברויט שוין ניטאָ
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק. } 2

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ !
שלאָג גיכער די טשוועקעס, שלאָג גיך
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער גבירהטעס טעכטערלס שיך. } 2

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ !
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס. } 2

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ !
דער זייגער ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף
די אויגן זיי מאַכן זיך צו
גיב כחות, אָ גאָטעניו, העלף. } 2

פיקעט,

פון סעם ליפצין

(מעלאָדיע „ראָשן טו־סטעפּ“)

מוטיג, בראַווע סטרייקער, קאַמף מיט אַלע שונאים,
מ'קאָן שווין מער ניט מאַכן אונז פאַר גרעסערע קבצנים.
פּיקעט, פּיקעט, פּיקעטן, סטרייק איז אונזער וואָפן!
פּיקעט, פּיקעט, פּיקעטן, מיר ווילן מער ניט שקלאָפן!
די יוניאָן ברעכן ווילן זיי, אויף אונזער קאַרק גאָר זיצן;
נו, חברים, אין דער ליין, די יוניאָן מוז מען שיצן.
מעג זיך אונזער שונא שפּרינגען ווי אַ טיגער;
מיר וועלן אַלע זיכער פון קאַמף ארויס די זיגער!
זאָלן די פאַרפירער טאַנצן ארומגענומען;
ווען מען דאַרפן אַרבעטן, מוז מען צו אונז קומען.

זאָל זיין

י. פּאַפּיערניקאָוו

זאָל זיין, אַז איך בוי אין דער לופט מיינע שלעסער,
זאָל זיין, אַז מיין גאָט איז אין גאַנצן נישטאָ,
אין טרוים איז מיר העלער,
2 אין טרוים איז מיר בעסער
אין חלום דער הימל — נאָך בלויער פון בלאָ

זאָל זיין, אַז כ'וועל קיינמאָל צום ציל ניט דערלאַנגען,
זאָל זיין, אַז מיין שיף וועט ניט קומען צום ברעג.
2 מיר גייט ניט אין דעם, איך זאָל האָבן דערגאַנגען,
מיר גייט־נאָר—דער גאַנג אויף אַ זוניקן וועג...

דער קרעמער

א. ליעסין — מוזיק: ס. יאסינאָווסקי

זיצט זיך אַ קרעמער אין קרעמל
דער הונדערטסטער קרעמער אין גאַס
2 ער זיצט און ער טראַכט פון אַ קונה
אין דרויסן איז פינצטער און נאַס.

אַ אידישע מלוכה, רבותי,
צי קענט איר דאָ גרינגלעך פאַרשטיין,
2 אַ מלוכה פון לויטער גאונים
אַ מלוכה פון מלכים אַליין.

פלוצלינג באַווייזט זיך אַ קונה
אַ קונה ... וי אַן אַרבעס די גרויס
ער בעט. פאַר אַ קאָפּיקע הערינג
2 און שלאָגט אים פון עניין אַרויס.

דערזעען דאָס די אַנדערע קרעמער
די הונדערטער קרעמער פון גאַס
און זיי עסן אים אויף מיט די אויגן
2 מיט אויגן פול קנאה און האַס. 2

זיצט זיך אַ קרעמער אין קרעמל.
דער הונדערטסטער קרעמער אין גאַס
ער זיצט און ער טראַכט פון אַ קונה
2 אין דרויסן איז פינצטער און נאַס. 2

מאַרגאַריטקעס

פון ז. שניאור

אין וועלדל באם טייכל, דאָרט זיינען געוואקסן
מארגאריטקעלעך עלנט און קליין;
זוי קליינינקע זונען מיט ווייסינקע שטראלן,
מיט ווייסינקע . . . טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

געגאנגען איז חוהלע שטיל און פארחלומט
צעלאָזן די גאָלדענע צעפּ.
דאָס העלדזל אנטבלויזט און געמורמלט, געזונגען
א לידעלע: טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

דאָ קומט איר אַנטקעגן א בחור א שווארצער,
מיט לאָקן, מיט שוואַרצע ווי פּעך;
ער פלאמט מיט די אויגן און ענטפערט איר
לוסטיק,
און ענטפערט איר: טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— וואָס זוכסטו דאָ מיידעלע, וואָס האָסטו
פארלאָרן?
וואָס ווילסטו געפינען אין גראָז?
—איך זוך מאַרגאַריטקעס—פאַררויטלט זיך חוה,
פארויטלט זיך . . . טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— דו זוכסט נאָך? און איך האָב שוין טאַקע
געפונען.
די שענסטע מארגאריטקע אין וואַלד.
א מארגאריטקע מיט צעפּ און מיט אויגן סאפירן,
מיט אויגעלעך . . . טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

מיין רו פּלאַץ

טעקסט: מאָריס ראָזענפעלד

ניט זוך מיך וואו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ.
וואו לעבנס וועלקן בא מאַשינען,
דאָרטן איז מיין רוע פּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו די פויגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט מיין שאַץ.
אַ שקלאַף בין איך, וואו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מיין רוע פּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו פאָנטאַנען שפּריצן!
געפינסט מיך דאָרטן ניט מיין שאַץ.
אַ שקלאַף בין איך, וואו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מיין רוע פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט ווארער ליבע!
טאָ קום צו מיר, מיין גוטער שאַץ!
און הייטער אויף מיין האַרץ די טריבע,
און מאַך מיר זיס מיין רוע פּלאַץ.

עם ישראל חי!

עַם יִשְׂרָאֵל (2) חַי,
עַם יִשְׂרָאֵל חַי
עַם יִשְׂרָאֵל (2) חַי
2 { עַמְב יִשְׂרָאֵל חַי (3)
עַם יִשְׂרָאֵל חַי }

לאָמיר זיך איבערבעטן

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שטעל דעם סאַמאָוואַר (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
זיי זשע נישט קיין נאַר }

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף אַ פּאָר מאַראַנצן (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
לאָמיר גיין טאַנצן }

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
וואָס שטייסטו בא דער טיר ? (2)

לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
גיב אַ קוק אויף מיר. }

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
האָב אויף מיר רחמנות (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
כ׳האָב דיך ליב סכנות }

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
כ׳בעט דיך זיי מיר מוחל (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
גיב צו מיר אַ-שמייכל }

קריג דעם קריג

מעלאָדיע: „סטאַנציע דזשאַנקאיע"
פון סעם ליפּצין.

רעאַקציע האָט זיך צעשפּאַלאָשעט,
ווייל די וועלט זאָל פּראָסט און פּשוט
זיין געפירט פון וואָל־סטריט „אַטאָם־מאַן"
אין שטויב צעבלאָזן — ציוויליזאַציע
און דערהויבן פאַשי־נאַצי —
מיט אַ נייעם וועלט־מלחמה פּלאַן.

העי, פאַש, פאַשי־נאַצי,
עס וועט ניט גיין דיר האַצי־טאַצי,
העי, דו פאַשי־נאַץ־נאַץ־נאַץ!

עס חלומט וואָל־סטריט א גוטן חלום:
ווען עס וועט ניט זיין קיין שלום,
וועט די וועלט איר קומען אויף א טאַץ.
האַלט זי אין האַנט די גרויסע באָמבע
כלומרשט גיט זי אַלץ אויף טראַמבע . .
און פאַרטאַיעט קוקט זי ווי אַ קאַץ . . .
(רעפריין).

דאָך ניט העלפן וועט די חיות,
אַלע טאָג עס קומט אָן נייעס —
עס שיינט אַרויס די זון דאָ און דאָרט
די „צעשיסער", פּיילן צילן,
קעץ מיאַווקען — הינט עס בילן;
און דער קאַראַוואַן, ער פאָרט און פאָרט!...
(רעפריין).

אַרום דעם פייער

אַרום דעם פייער
איז אַלעם ליבער,
די נאַכט איז טייער,
מיר זינגען לידער.
און זאָל דאָס פייער
פאַרלאָשן ווערן,
שיינט אונדז דער הימל,
מיט זיינע שטערן.

באַקרוינט די קעפּ
מיט בלומען קראַנצן,
אַרום דעם פייער
מיר פריילעך טאַנצן.
ווייל טענץ און לידער
איז אונדזער לעבן,
דערנאָך אין שלאָף —
חלומות וועבן.

אַלע ברידער

(פאָלקס ליד)

און מיר זיינען אַלע ברידער,
אוי, אוי, אַלע ברידער,
און מיר זינגען פריילעכע לידער,
אוי, אוי, אוי.

און מיר האַלטן זיך אין איינעם,
אוי, אוי, זיך אין איינעם,
אַזעלכעס איז ניטאָ ביי קיינעם,
אוי, אוי, אוי.

און מיר זיינען אַלע איייניק,
אוי, אוי, אַלע איייניק,
צי מיר זיינען פיל צי ווייניק,
אוי, אוי, אוי.

און מיר ליבן זיך דאָך אַלע,
אוי, אוי, זיך דאָך אַלע,
ווי אַ חתן מיט אַ כלה,
אוי, אוי, אוי.

חביבהלע

ווערטער: עליזה גרינבלאַט   מוזיק פון: א. עלשטיין



אין נגב, אין אַ ביידעלע,
דאָרטן ווײנט אַ מיידעלע.
שיין איז זי ווי די גאַנצע וועלט:
איר נאָמען איז חביבה׳לע,
בויט זי אַ שטיבעלע,
פון ליבע וועבט זי איר געצעלט.

חביבה, חביבה, חביבה׳לע,
צי ווייסט דו, אַז איך האָב דיר אַזוי
ליב?
חביבה, חביבה, חביבה׳לע,
וואַכן וועל איך שטענדיק
ביי דיין שטוב.

בלויע אייגעלעך אַ פּאָר,
גאָלדיק ברוין זיינען אירע האָר.
חביבה׳לע, דו ביסט מיין זונען־שיין.
אַ קיעלע, אַ ציגעלע, אַ בעטעלע,
אַ וויגעלע
און מיר וועלן שטענדיק גליקלעך זיין.
(רעפריין)

אַ בלימעלע, אַ פעלדעלע,
אַ בוימעלע, אַ וועלדעלע,
פלאַנצן וועלן מיר ברויט און וויין,
דאָס לעבן וועט זיין וואונדערלעך,
מיר׳ן האָבן אַ צוויי קינדערלעך,
דו וועסט אייביק מיין פרינצעסין זיין.
(רעפריין)

די כאַפּ־לאַפּערס

פון סעם ליפּצין

(מעלאָדיע פון „אָפּגעשמיסענער קאַפּיטאַליסט")

שטורעמדיג און בליציג, און פאָראויס מיט דער האַנט, —
טראַלאַ־לאַ, טראַלאַ־לאַ.
האָט היטלער זיך געלאָזט צו סאָוועטן פאַרבאַנד —
בו־אואו, בו־או.
מיט גרויס אַפּעטיט גענומען שלינגען,
און אַ לויב פאַר זיך צו זינגען.
כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ.

מיט דעם „דוטשע" און מיקאַדאָ זיך צוזאַמענגערעדט —
טראַלאַ־לאַ, טראַלאַ־לאַ.
מאָסקווע פאַרנעמען, ער וועט און וועט . . . בו־אואו, בו־אואו.
געמאַכט שוין פּלענער, געגעבן באַפעלן,
ווי אַזוי דאָס איינצושטעלן.
כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ.

האָבן זיך די האָרדעס שטאַרק דערפּרייט —
טראַלאַ־לאַ, טראַלאַ־לאַ.
און מיט כוח האָט זיך די „אַקס" צעדרייט — בו־אואו, בו־אואו.
אַ קלונג געטאָן האָט היטלער מיט די שפּאָרן,
און אויף דער וועלט גענומען פאָרן.
אַי־אַי, אַי־אַי, אַי־אַי־אַי, אַי־אַי־אַי,

ווי ער האָט זיך פאָראויס נאָר געגעבן אַ רוק —
טראַלאַ־לאַ, טראַלאַ־לאַ.
געכאַפּט גלייך אַ זעץ האָט ער אינ'ם שנוק — בו־אואו, בו־אואו.
צעשאָסן די „אַקס" ביים גרויסן בריה,
אָנשטאָט שטעט — ער האָט די כאָלעריע.
כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ.

ש ט י ל ק י י ט

פריי באַארבעט פון העברייאישן : בען יאָמען

שטילקייט און רו שוועבט איבער אלעס,
ס'רוט חלוץ אין זיין געצעלט ;
ס'שפרייט די נאכט אויס אירע פליגלען
איבער עמק ישראל.
ס'שיינט לבנה, טוי פאַלט איבעראל —
פון בית אלפא ביז נהלל.

צוזינג :
אך, ווי שיין איז די נאכט,
אלץ ליגט שטיל און פארטראכט :
דרעמל, לאַנד מיינס, דרעמל אָן זאָרגן —
איך וועל דיך היטן ביז פרימאָרגן.

ס'שושקען זיך פעלדער פול מיט קאָרן,
ס'קלינגט דאָס פאסטוכישע ליד ;
ס'היט מיין לאנד פון פיין ניט וויסן,
ס'העט חלוץ ניט ווערן מיד.

זיי געבענטשט, דו זתיק, ליכטיק לאַנד,
פון בית אלפא ביז נהלל.
אך, ווי שיין איז די נאכט, א. א. וו.

אַן אַלטער דיים

האָב איך מיר אַן אלטן דיים . . .
איז דער דער דיים אויך ניט מיין . . .

לאָמיר אַלע פריילעך זיין,
קומט מיט מיר אין שענק אריין,
טרינקען בראָנפן, טרינקען וויין . .

ניט קיין מאָרגן, ניט קיין היינט . . .
ניט קיין חבר, ניט קיין פריינט . . .

ווען איך האָב א גאַנצן טאָלער,
וואָלט איך זיין דער גאַנצער צאָלער.

האָב איך ניט קיין ווייב און קינד . . .
בין איך פריי ווי דער ווינט . . .

האָב איך ניט קיין גראָשן געלט . . .
פייף איך אויף דער גאַנצער וועלט . . .

רעדן טויטע . . .

(אויף דער מעלאָדיע : „א קרענעצע")

פון סעם ליפּצין

אין די קברים ליגן קינדער,
צוגעדעקט מיט ערד און שטיין.
קומט א מאַמע טרייסט געפינען,
דורך אויסגיסן איר געוויין. } 2

רעדן פון די קברים טויטע,
און זיי רעדן האַרבע רייד :
ווער עס זעט ניט מאַמעס טרערן,
זאָל ניט זען קיין ליכט און פרייד. } 2

ביי די קברים וואַקסןביימער,
פול מיט לעבן, גרינס און צווייט.
ווער עס פירט א קאַמף פאר פרידן,
זאָל פון קריג שוין זיין באַהיט. } 2

די וואָס אַרבעטן פאר שלום
זאָל זיי ליב זיין יעדע שעה,
און די צינדער פון מלחמה —
זאָל באַוויינען שווארצע קראָ. } 2

זינגען מיר

פון: ז. וויינפער

זינגען מיר, שטייט אויף איר אַלע
פאַרבלוטיקטע,
און דורך געזאַנג —
ווערן הערצער דערמוטיקטע!
זינגען מיר! זינגען מיר! זינגען מיר!
און די וועלט פאַרקלינגען מיר!
זינגען מיר, שטייט אויף
איר אַלע פאַרמאַטערטע,
און דורך געזאַנג —
ווייען פאַנען צעפלאַטערטע!
זינגען מיר א. אַז. וו.
זינגען מיר, שטייט אויף
איר אַלע פאַרשמיסענע,
און דורך געזאַנג —
ווערן קייטן צעריסענע!
זינגען מיר א. אַז. וו.

די נייע צייט

ווערטער : אברהם רייזען

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום,
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט,
די צייט — עס איז קיין חלום.

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד,
די מעכטיקע געזאַנגען ;
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן :
די זון איז אויפגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט,
דער טאָג דערוואַכט.
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבן :
דו הערסט אין לופט,
א שטימע רופט —
צו מוט און קראַפט און לעבן.

די משקה

(פאָלקס־ליד)



בשעת דער שדכן איז געקומען צו
מיין זיידן
דעם טאַטן דער מאַמען אַ שידוך
ריידן,
האָבן זיי גערעדט און גערעדט ביז
ס'איז געוואָרן צו נישט,
ביז וואַנען די משקה'ט זיך
אַריינגעמישט,
פון דער משקה איז דער שידוך
געוואָרן געשלאָסן,
דער טאַטע איז געוואָרן דער
מאַמעס חתן.

אוי, אוי, לאַ, לאַ, א. א. וו.

איך געדענק נאָך ווי ביי מיין ברית
איז די משקה ניט אַראָפּ פון טיש
מען האָט געוואונטשן מזל טוב,
אַז איך זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער רב.
צוליב דער משקה האָט מיין טאַטע
מיין מאַמען גענומען,
פון דער משקה בין איך אויף דער
וועלט געקומען.
אוי, אוי, לאַ, לאַ, א. א. וו.

דער טורמע-שליסל

ווערטער פון דוד סעלצער　　מוזיק פון י. בעלקין



די מאמע האט געבראכט מיר קאווע,
די מאמע האט געבראכט מיר טיי,
די מאמע האט מיר אלץ געבראכט,
אבער ניט דעם טורמע-שליסל, וויי!

אוי, דריי מיך איבער, ברודער,
אוי, פאוואליע דריי,
ווייל אין הארץ די קוילן
טוען מיר נאך וויי.

איך האב אין פעלד געארבעט
איך האב געקאסעט היי,
איז דער פארמאן מיך באפאלן
און מיט בייטש געשמיסן, וויי! רעפריין

איך האב אים צוריק געשלאגן,
פאר יעדן קלאפ געגעבן צוויי,
זיינען ווייסע מיך באפאלן
און מיט בליי געשאסן, וויי! רעפריין

אינדרויסן קלינגען פוס-טריט,
אינדרויסן הער איך א געשריי,
עפשער קומען זיי מיך נעמען
און אף שטריק מיך לינטשן, וויי!
רעפריין

עפשער איז דאס נאר מיין מאמע,
עפשער קומען מיינע ברידער צוויי,
עפשער ברענגט מען איצט צוטראגן
מיר דעם טורמע-שליסל, וויי! רעפריין

אברהמל דער מאַרוויכער

פון מרדכי געבירטיג

אָן אַ היים בין איך יונג געבליבן,
ס׳האָט די נויט מיך אַרויסגעטריבן,
ווען איך האָב נאָך קיין דרייצן יאָר
געהאַט,
אין דער פרעמד, ווייט פון מאַמעס
אויגן,
האָט אין שמוץ מיך די גאַס דערצויגן,
געוואָרן איז פון מיר אַ וואוילער יאַט.
איך בין אברהמל, דער פּיאַיקסטער
מאַרוויכער,
אַ גרויסער קינסטלער, כ׳אַרבעט לייכט
און זיכער,
דאָס ערשטע מאָל, כ׳וועל׳ס געדענקען
ביזן טויט,
אַריין אין תּפיסה פאַר לקחנען אַ ברויט,
אוי, אוי,
כ׳פאָר נישט אויף מאַרקן ווי יענע
פּראָסטע יאַטן,
כ׳צופּ נאָר ביי קאַרגע, שמוציקע
מאַגנאַטן,
כ׳בין זיך מחיה, ווען כ׳טאַפּ אַזאַ
מאַגנאַט,
איך בין אברהמל גאָר אַ וואוילער יאַט.

אין דער פרעמד נישט געהאַט צום
לעבן,
געבעטן ברויט, אַן אָרעמער פלעגט נאָך
געבן,
נאָר יענע לייט, וואָס זיינען תּמיד זאַט,
פלעגן אָפּט טרייבן מיך מיט צאָרן,
ס׳וואַקסט אַ גנבֿ, ס׳איז מקוים
געוואָרן —
אַ גנבֿ בין איך, נאָר אַ וואוילער יאַט.

איך בין אברהמל, דער פּיאַיקסטער
מאַרוויכער,
אַ גרויסער קינסטלער, כ׳אַרבעט לייכט
און זיכער,
אַ יאַט אַ קליינער אַריין אין
קוטשעמענט,
אַרויס אַ מזיק, אַ זעלטענער טאַלאַנט,
אוי, אוי,
כ׳פאָר נישט אויף מאַרקן ווי יענע
פּראָסטע יאַטן,
כ׳צופּ נאָר ביי קאַרגע, שמוציקע
מאַגנאַטן,
כ׳האָב ליב אַ מענטשן, אַ מילדן, אַ
נאַש־בראַט,
איך בין אברהמל גאָר אַ וואוילער יאַט.

שוין נישט לאַנג וועט דאָס שפּיל
געדויערן,
קראַנק פון קלעפּ, גיפט פון תּפיסה־
מויערן,
נאָר איין בקשה, כ׳וואָלט אַזוי
געוואָלט —
נאָך מיין טויט, אין אַ טאָג אַ טריבן,
זאָל אויף מיין מצבה שטיין געשריבן
מיט אותיות גרויסע און פון גאָלד:

דאָ ליגט אברהמל, דער פּיאַיקסטער

מאַרוויכער,
אַ מענטש אַ גרויסער געווען וואָלט פון
אים זיכער,
אַ מענטש אַ פיינער, מיט האַרץ, מיט
געפיל,
אַ מענטש אַ ריינער, ווי גאָט אַליין
נאָר וויל, אוי, אוי,

ווען איבער אים וואָלט געוואַכט אַ
מאַמעס אויגן,
ווען ס'וואָלט די פינצטערע גאַס אים
ניט דערצויגן,
ווען נאָך אַלס קינד ער אַ טאַטן וואָלט
געהאַט,
דאָ ליגט אברהמל, יענער וואוילער יונג

געוואַלד, עס ווילט זיך!

געוואַלד, עס ווילט זיך,
עס ווילט זיך, עס ווילט זיך,
עס ווילט זיך עסן } 2
פרישענקע וואַרנישקעס
אָן הייוון און אָן זאַלץ,
אָן פעפער און אָן שמאַלץ,
אַי, עס ווילט זיך עסן
פרישענקע וואַרנישקעס.

געוואַלד, וואו נעמט מען?
וואו נעמט מען? וואו נעמט מען?
וואו נעמט מען מעל } 2
אויף מאַכן די וואַרנישקעס?
אָן הייוון און אָן זאַלץ,
אָן פעפער און אָן שמאַלץ,
וואו נעמט מען מעל
אויף מאַכן די וואַרנישקעס?

געוואַלד, וואו קריגט מען?
וואו קריגט מען? וואו קריגט מען?
אַ לאָקשן־ברעט אויף } 2
קאַטשען די וואַרנישקעס?
אָן הייוון און אָן זאַלץ,
אָן פעפער און אָן שמאַלץ
אַ לאָקשן־ברעט אויף
קאַטשען די וואַרנישקעס?

געוואַלד, וואו נעמט מען?
וואו נעמט מען? וואו נעמט מען?
אָן אויוון אויף צו באַקן } 2
די וואַרנישקעס?
אָן הייוון און אָן זאַלץ,
אָן פעפער און אָן שמאַלץ
אָן אויוון אויף צו באַקן
די וואַרנישקעס?
געוואַלד, געוואַלד, וואו נעמט מען?
געוואַלד, וואו קריגט מען?
וואו נעמט מען אַ ווייבל?
וואו נעמט מען אַ ווייבל?
אַ ווייבל אויף צו מאַכן } 2
די וואַרנישקעס?
אָן הייוון און אָן זאַלץ,
אָן פעפער און אָן שמאַלץ
אַ ווייבל אויף צו מאַכן
די וואַרנישקעס?
געוואַלד, וואו?

אין אַן אָרעם שטיבעלע

ווערטער: מ. קארמאן — מוזיק: מ. געלבארט



אין אַן אָרעם שטיבעלע
אָחנס צײַט בײַם קוימען
2 { שפּינט אַ ליבע מאַמע דאָרט
פֿאַר דעם קינד אירע טרוימען }
זינגט זי פֿאַר אים אַ לידעלע
פּאַטשט ער מיט די הענטלעך
2 { זינגט דאָס גאַנצע שטיבעלע
זינגען מיט די ווענטלעך. }

פּאַטשע, פּאַטשע, קיכעלעך,
אוצרל מײַן קלײנער,
פּאַפּע׳ס קויפֿן שיכעלעך,
זונעלע מײַן שײנער,

פּאַפּע׳ס קויפֿן שיכעלעך,
מאַמע׳ס שטריקן זעקעלעך,
פּאַפּע׳ס קויפֿן פֿערדעלעך,
מאַמע׳ס אָנטאָן גלעקעלעך.

אָט אַזוי אין שטיבעלע
הערשט אײ גליק, אײ פֿרײדן,
2 { זײַט בײַ זײַט מיט אָרעמקײט
וואוינט דאָרט אַ גן עדן. }
גרעסער איז די ליבע דאָרט
גרעסער איבער אַלעס
2 { שטאַרקער איז די ליבע דאָרט
שטאַרקער ווי דער דלות. }

פאַק זיך!

פון אָנקל סעם

(מעלאָדיע פון „יאַשקע פאָרט אַוועק")

פּאַק זיך גיך, דו פּאַראַזיט, וואָס מאַכסטו פוילע שטיק.
באַרג אַראָפּ איז איצט דיין גאַנג, ניטאָ קיין וועג צוריק!

גיי! גיי! גיי! גיי! און רו אויף יענער וועלט,
געגנוג האָסטו מיין פּראַצע, שוויס, פאַרוואַנדלט דאָס אין געלט!

יאָרן לאַנג האָסטו גערויבט, געלעבט פון מענטשלעך בלוט,
דעם אַרבעטער מיט נויט באַלוינט, אַליין געלעבט זיך גוט.

ביזט זאַט געווען, גוט באַקליידט, געוואוינט אין אַ פּאַלאַץ,
איצט אַרויס, דו פּאַראַזיט, מאַך פריי פאַר אונז דעם פּלאַץ!

דער אַרבעטער, ער האָט דערוואַכט, ער נעמט שוין דאָס פאַרשטיין
אַז ער קאָן זיין „שטעטעלע" איצט אַליין באַשטיין! . . .

קינדערלאַנד

פון סעם ליפּצין

(מעלאָדיע: „הוליעט, הוליעט קינדערלעך")

קינדערלאַנד אַ צויבערלאַנד מיט פרייד פאַר קליין און גרויס,
שמידט פאַר אייך דאָס לעבן אויס כל זמן די זון איז הייס.

לוסטיג, פריילעך, קינדערלעך אין דעם קינדערלאַנד,
ליב עס איז דער שיינער זומער אין דעם צויבערלאַנד!

שעפּט אייך אָן מיט פרישע לופט, לעבן איז דאָך גוט,
בלויער הימל, גרינער גראָז, גיט צו נייעם מוט.

באָדט זיך אין דעם קלאָרן טייך, די זון זי באָדט זיך אויך.
אַ קלאָרער טייך, אַ ווארים זון גיט צו נייעם כוח.

שטיפט און לערנט קינדערלעך, דער מאָרגן פאַר אייך העלט.
מיט פרישע כוחות שעפּט זיך אָן, עס וואַרט פאַר אייך אַ וועלט.

דו פרעגסט מיך

ווערטער : אַברהם רייזען -

דו פרעגסט מיך, מיין פריינט,
ווי אַלט איך בין שוין ?
איך וואָלט עס דיר גערן דערציילט,
נאָר גלויב מיר, מיין פריינט,
איך ווייס ניט אַליין,
עס האָט ניט געלוינט זיך צו ציילן.

דער קאַרגער ציילט געלט,
דער גליקלעכער — טעג ;
מע ציילט וואָס איז ליב, וואָס איז
טייער.

מיין לעבן, אָ פריינט,
איז אַ וויסט לאַנגער וועג,
און פונקט פאַראַיאָרן ווי היי יאָר.

אויב לעבן הייסט ליידן,
דאַן לעב איך שוין לאַנג,
דאַן האָב איך גענוג זיי, די יאָרן.
אויב לעבן הייסט הערן
פון גליק כאָטש אַ קלאַנג,
דאַן בין איך נאָך ניט געבוירן.

ווער קען אים, ווער ווייס אים ?

(פון רוסישן)

ווען די זון פאַרגייט אין אָוונט,
שלייכט זיך אַ בחור ביי מיין הויז.
ווינקט צו מיר בלויז מיט די אויגן,
רעדט קיין איינציק וואָרט אַרויס.

וואָס קאָן דאָס באַדייטן
זיין ווינקען פון וויטן ? (3).

ווען איך קום צו אַ פאַרווילונג,
נאָר ער זינגט און נאָר ער לאַכט ;
און ביים גצזעגענען זיך ביים טויער,
ווערט ער אומעטיק פאַרטראַכט.

ווער קען דערקלערן,
זיין אומעטיק ווערן ? (3).

כ'האָב צוויי בריוו פון אים דערהאַלטן,
עפּעס סודותדיק, פאַרשטעלט ;
יעדע שורה איז פול מיט פינטלעך...
טרעף אַליין אויב דיר געפעלט !

ווער קען זיך דערקלייבן,
אין אַזאַ שרייבן ? (3).

איך האָב ניט אָנגעהויבן טרעפן :
האָף אומזיסט ניט און ניט וואַרט !
דאָך מיין האַרץ אין מיר האָט עפּעס
אַזוי אָנגעצנעם געגאַרט ! . . .

ווער בעט אים ? ווער ווייסט אים ?
אַן שרייבן ווער הייסט אים ? (3).

אונזער לאַנד

פון סעם ליפּצין

(מעלאָדיע פון „אַן די לאַין")

פון אונזער בלוט און שוויס איז דאָס לאַנד איצט גרויס,
מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!
געפירט די פּראַכט, געגראָבן אין שאַכט,
מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!

אונזער לאַנד! אונזער לאַנד! מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!
זאָג פעסט און האַרב: קעמף! נישט שטאַרב!
אונזערס איז דאָס לאַנד!

מיר האָבן קיין ברויט, קיין העמד, מיר זיינען זיי פרעמד,
מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!
פון אונזער שקלאַפן האָבן זיי רייכטימער געשאַפן,
מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!

געצייגן־באַנען, טעלעפאָנען, פּאַר מיילן מיליאָנען,
מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!
געמאַכט פיינע אַנטיקן, טורעמס און בריקן,
מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!

איצט טיילט מען אונז נדבות, שפייז סם־המות,
מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!
פאָדערט דירות, אַרבעט און שכירות!
מיר האָבן געבויט דאָס לאַנד!

ברידער

קינדער, אַט וועל איך אייך זאָגן,
איינס, צוויי, דריי,
ווען דער נייער טאָג וועט טאָגן,
איינס, צוויי, דריי.

וועלן מענטשן זיין ווי ברידער,
וועט מען זינגען נייע לידער
איינס, צוויי, איינס, צוויי,
איינס, צוויי, דריי.

פון מאַרטין בירנבוים

דאָס וועט זיין די שענסטע מעשה,
איינס, צוויי, דריי,
שוואַרצע, געלע, ברוינע, ווייסע,
איינס, צוויי, דריי,

דאַן וועט זיין פּאַר אַלע פרידן,
סיי פאַר קריסטן, סיי פּאַר יידן,
איינס, צוויי, איינס, צוויי,
איינס, צוויי, דריי.

זאָל שוין קומען די גאולה

ווערטער: ש. קאַטשערגינסקי — פאָלקס־מעלאָדיע



זאָל שוין קומען די גאולה (3)
משיח, קום שוין באַלד !

אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן
מאַכט מען אַ לחיים,
און אַז אומעט לאָזט ניט רוען
זינגען מיר אַ ליד.
אַז ס׳איז ניטאָ קיין בראָנפן
מוז מען טרינקען מים,
מים חיים איז דאָך חיים,
וואָס דאַרף נאָך דער איד ?

זאָל שוין קומען אא״וו

טאַנצן ביימער אין די וועלדער,
שטערן אויפן הימל,

ר׳ ישראליק דער מחותן
דרייט זיך אין דער מיט.
ס׳וועט זיך אויפכאַפּן משיח
פון זיין טיפן דרימל
און דערהערן אונדזער תפילה׳דיקע ליד.

זאָל שוין קומען אא״וו

עס איז אַ דור פון כולו חייב,
זייט ניט קיין נאַראָנים,
און פונעם זינדיקן — משיח קומען
וועט.
אָ, טאַטעניו אין הימל, עס בעטן
בני רחמנים,
זע, אַז משיח זאָל ניט קומען
אַ ביסעלע צו שפּעט.

לאָמיר זיך איבערבעטן



לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שטעל דעם סאַמאָוואַר, (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
זיי זשע נישט קיין נאַר.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף אַ פּאָר מאַראַנצן, (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
לאָמיר גיין טאַנצן.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
וואָס שטייסטו באַ דער טיר ? (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
גיב אַ קוק אויף מיר.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
האָב אויף מיר רחמנות. (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
כ׳האָב דיך ליב סכנות.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
כ׳בעט דיך זיי מיר מוחל. (2)
לאָמיר זיך איבערבעטן } 2
גיב צו מיר אַ שמייכל.

ביים חתנ׳ס טיש

איך וועל אייך אָנהויבן צו דערקלערן,
וואָס פון איינס — קען אַלץ ווערן.
איינס איז ביים חתנ׳ס טיש,
וואו מען עסט און וואו מען טרינקט,
וואו מען הוליעט און מען זינגט —
יו־לאַ־לאַ, יו־לאַ־לאַ (4).

איך וועל אייך אָנהייבן צו דערקלערן,
וואָס פון צוויי קען אַלץ ווערן.
צוויי זיינען חתן־כלה,
וואָס זיי שטייען איבער אַלע.

איינס איז ביים חתנ׳ס טיש,
וואו מען עסט און וואו מען טרינקט,
וואו מען הוליעט און מען זינגט —
יו־לאַ־לאַ, יו־לאַ־לאַ (4).

דריי זיינען די מחותנים,
וואָס זיי ציילן די מזומנים.

פיר זיינען — די חופּה שטאַנגען,
חתן־כלה אַפיר געגאַנגען.

פינף זיינען די כלי־זמרים,
וואָס זיי שפּילן — פאַר רייך און אָרעם.

זעקס זיינען די זעקס טעג,
וואָס מען טאָר גיט און וואָס מען מעג.

זיבן זיינען די שבע ברכות,
מען זאָגט צו נדן, מ׳גיט קדחות.
(זעקס, פינף, פיר ביז צו איינס.)

Du, Du — דו, דו

ווערטער : עליזה גרינבלאַט



Ch'gei arum baim breg fun yam
Un zuch dich altz arum.
A shtile ch'valie murmlt koim
Der tzoiber fun dain shtim.
Du, du, fun ale tzarte blumen
Du, du, du, du, fun ale
  maine troymen, du, du. (2)

Shpreiten zich di himlen ois
Het gantz vait avek,
Kumt a vintele tzugein
Un klapt on baim breg.

Du, du, etc. . . .

Soidn zich di vintlech shtil
Mit getlechn gezang
Un in hartzn tif ba mir
Flatert a farlang.

Du, du, etc. . . .

Nemt main benkshaft
  vintlech oif
Un trogt avek a grus
Zogt im az ich benk azoi
Ch'gei fun benkshaft ois.

כ׳גיי אַרום ביים ברעג פון ים
און זוך דיך אַלץ אַרום.
אַ שטילע כוואַליע מורמלט קוים
דער צויבער פון דיין שטים.
דו, דו, פון אַלע צאַרטע בלומען,
דו, דו, דו, דו, פון אַלע מיינע
טרוימען, דו, דו.

שפּרייטן זיך די הימלען אויס
העט גאַנץ אַוועק,
קומט אַ ווינטעלע צו גיין
און קלאַפּט אָן ביים ברעג.

דו, דו, א. א. וו.

סודן זיך די ווינטלעך שטיל
מיט געטלעכן געזאַנג
און אין האַרצן טיף ביי מיר
פלאַטערט אַ פאַרלאַנג.

דו, דו, א. א. וו.

נעמט מיין בענקשאַפט ווינטלעך אויף
און טראָגט אַוועק אַ גרוס,
זאָגט אים, אַז איך בענק אַזוי
כ׳גיי פון בענקשאַפט אויס.

89 Mechutonim Geyen — מחותנים גייען

ווערטער און מוזיק: מ. מ. וואַרשאַווסקי



Di mechutonim geyen, kinder,
Lomir zich freyen, shat nor shat
Der chosn iz gor a vunder,
Shpilt a lidele dem chosns tzad.
Ai, ai, ai, etc.

די מחותנים גייען, קינדער,
לאָמיר זיך פרייען, שאַט נאָר שאַט,
דער חתן איז גאָר אַ וואונדער,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.
איי, איי, איי, א. א. וו.

Ot geit der feter Kone,
Mit der mume Chane, shat nor shat,
Dos iz di beste matone,
Shpilt a lidele dem chosns tzad.
Ai, ai, ai, etc.

אָט גייט דער פעטער קאָנע,
מיט דער מומע חנה, שאַט נאָר שאַט,
דאָס איז די בעסטע מתנה.
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.
איי, איי, איי, א. א. וו.

Dem chosns shvester, Freidl
Zi dreit zich a dreidl, shat nor shat,
Nemt zi arain in redl,
Shpilt a lidele dem chosns tzad.
Ai, ai, ai, etc.

דעם חתנס שוועסטער פריידל,
זי דרייט זיך אַ דריידל, שאַט נאָר שאַט,
נעמט זי אַריין אין רעדל,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.
איי, איי, איי, א. א. וו.

Ot geit der feter Mindik,
Vos hobn mir gezindikt, shat nar shat,
Er blozt zich vi an indik,
Shpilt a lidele dem chosns tzad.
Ai, ai, ai, etc.

אָט גייט דער פעטער מינדיק,
וואָס האָבן מיר געזינדיקט, שאַט נאָר שאַט,
ער בלאָזט זיך ווי אַ אינדיק,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנ׳ס צד.
איי, איי, איי, א. א. וו.

TSHASTUCHN



טשאַסטוכן

פון זוני מאוד

א רייכע לאַנד אַמעריקע
קענען מיר אייך שווערן:
ניטאָ דאָ קיין אָרימאַן —
צווישן מיליאָנערן.

צוזינג:

בים-בים-בים-בים-בים-באָם
בים-בים-בים-באם-באם

פרייהייט, דעמאָקראַטיע
האָט דאָ יעדער איינער:
איז ניטאָ קיין וועטשערע,
מעג מען גריזשען ביינער.

הייזער און פּאַלאַצן
פאַבריקן און מאַשינען
שפּאַלט זיך אַזש דער מוח
אַ פּעני צו פאַרדינען.

איינער גייט אין שפּאַן און שלעפּט
אַ צווייטער האַלט די לייצעס
ווער עס טויג צו גאָר ניט ניט
רייט אויף יענעמס פּלייצעס.

91 EVERYBODY LOVES SATURDAY NIGHT

יעדער האָט ליב שבת נאַכט

Nigerian Resistance Song
Arr. by Al. Moss



Everybody loves Saturday night.
Everybody, everybody,
Everybody, everybody,
Everybody loves Saturday night.

YIDDISH:
Yeder einer hot lib Shabas banacht.
יעדער איינער האָט ליב שבת נאַכט ! (2 מאָל)
יעדער איינער, יעדער איינער, יעדער איינער,
יעדער איינער האָט ליב שבת נאַכט !

CHINESE:
Ren ren si huan li pai lu.

RUSSIAN:
Vsiem nravitsia subbotnij vetcher.

CZECH:
Kazhdi ma rad sabotu vietsher.

SPANISH:
A todos le gusta la noche del Sábado.

FRENCH:
Tout le monde aime Samedi soir.

Bobowaro fero Satodeh.
Bobowaro, boboworo,

THE HOUSE I LIVE IN

The house I live in,
The friends that I have found,
The folks beyond the railroad
And the people all around,
The worker and the farmer,
The sailor on the sea,
The man who built this country,
That's America to me.

The house I live in,
My neighbors, white and black,
The people who just came here,
Or from generations back,
The town hall and the soap box,
The torch of liberty,
A home for all God's children,
That's America to me.

The words of old Abe Lincoln,
Of Jefferson and Paine,
Of Washington and Jackson,
And the tasks that still remain,
The little bridge of Concord,
Where freedom's fight began,
Our Gettysburg and Midway,
And the story of Bataan:

The house I live in,
The goodness everywhere,
A land of wealth and beauty
With enough for all to share,
A house that we call freedom,
The home of liberty,
And a promise for tomorrow,
That's America to me.

GO DOWN, MOSES

When Israel was in Egypt's Land,
Let my people go!
Oppressed so hard they could not stand,
Let my people go!

Go down, Moses
Way down in Egypt's Land,
Tell old Pharoah
Let my people go.

"Thus said the Lord," bold Moses said,
Let my people go!
"If not, I'll smite your first-born dead,"
Let my people go!

No more in bondage shall they toil,
Let my people go!
They shall go forth with Egypt's spoil,
Let my people go!

WE SHALL OVERCOME



We shall overcome,
We shall overcome,
We shall overcome some day.
Oh, deep in my heart, I do believe,
We shall overcome some day.

We'll walk hand in hand,
We'll walk hand in hand,
We'll walk hand in hand some day.
Oh deep in my heart, I do believe,
We shall overcome some day.

The truth shall make us free,
The truth shall make us free,
The truth shall make us free,
some day,
Oh, deep in my heart, I do believe,
We shall overcome some day.

The Lord will see us through,
The Lord will see us through,
The Lord will see us through
some day.
Oh, deep in my heart, I do believe,
We shall overcome some day.
WE SHALL OVERCOME . . . . .

We shall live in peace,
We shall live in peace,
We shall live in peace, some day,
Oh, deep in my heart, I do believe,
We shall overcome some day.

We are not afraid, we are not
afraid,
We are not afraid today.
Oh, deep in my heart, I do believe,
We shall overcome some day.

The whole wide world around,
The whole wide world around,
The whole wide world around,
some day.
Oh, deep in my heart, I do believe
We shall overcome some day.



WE ARE PEOPLE *

by Edith Segal

We all laugh when we feel gay,
Each one laughing his own way,
Some laugh low and some laugh high,
Some as if they're going to cry.

We all eat, but some might not
Like the taste of apricot.
Should we taste an oyster stew
I might like it more than you.

We all think, but separately,
And we needn't all agree,
We all listen, speak, compare,
All have different thoughts to share.

Different, different, yet the same;
When we want to play a game
We must all accept the rules
Though we come from different schools.

We are people, you and I,
Like the people passing by,
We're alike, but different too,
I am *I*, and *you* are *you*.

We are all one family,
Light or dark, as it may be.
All are equal on this earth
When we measure human worth.

All of us have eyes to see,
I see you and you see me,
All of us have hands to feel,
Mine can tell that you are real.

All of us have feet that go,
Footprints in the sand will show
Each is different, each our own,
By our footprints we are known.

We are people, you and I,
Like the people passing by,
Same but different, different-same,
My name's **Edith*, what's *YOUR* name?

**Please say your own name.*

* From *Come With Me* by Edith Segal,
Citadel Press, New York City



WE ARE PEOPLE

Poem: by EDITH SEGAL

Music: by MADELINE SIMON



THE STAR SPANGLED BANNER

Oh! say, can you see,
Bŷ the dawn's early light,
What so proudly we hail'd
At the twilight|s last gleaming!
Whose broad stripes and bright stars
Thro' the perilous fight,
O'er the ramparts we watch'd
Were so gallantly streaming.
And the rockets' red glare,
The bombs bursting in air,
Gave proof thro' the night
That our flag was still there .
Oh! say, does that Star Spangled Banner yet wave,
O'er the land of the free,
And the home of the brave!

THE PARTISAN HYMN

By HERSH GLICK Translated by AARON KRAMER

Never say that there is only death for you,
Though leaden skies may be concealing days of blue—
Because the hour that we have hungered for is near;
Beneath our tread the earth shall tremble: We are here!

From land of palm-tree to the far-off land of snow
We shall be coming with our torment and our woe,
And everywhere our blood has sunk into the earth
Shall our bravery, our vigor blossom forth!

We'll have the morning sun to set our day aglow,
And all our yesterdays shall vanish with the foe,
And if the time is long before the sun appears,
Then let this song go like a signal through the years.

This song was written with our blood and with lead;
It's not a song that birds sing overhead.
It was a people, among toppling barricades,
That sang this song of ours with pistols and grenades.

So never say that there is only death for you.
Leaden skies may be concealing days of blue,—
Yet the hour that we have hungered for is near;
Beneath our tread the earth shall tremble: We are here!

סעם ליפּצינ'ס נייער בוך אין ענגליש „טעילס און ע טעילאָר" !

Tales of a Tailor

By

SAM LIPTZIN

translated by

MAX ROSENFELD

Sam Liptzin Book Comm.
2815 Barker Avenue
Bronx, N. Y. 10467



$3.00 -------- per copy;
$5.00 ------ de luxe copy.

"Tales of a Tailor"

If you remember Sam Liptzin's "A Blighted Passover" (our April, 1961 issue) and "Picketing with the Torah" (May, 1962), you have had a taste—but only a taste—of the humorous and poignant quality of his new book, excellently translated by Max Rosenfeld, and with 10 drawings by William Gropper (Liptzin Book Committee, 2815 Barker Ave., Bronx 67, N. Y., 1965, 272 pages, $3). In these 66 sketches you get not only what his sub-title calls the "humor and tragedy in the struggles of the early immigrants against the sweat-shop." You get, in personal, human terms, what it meant to be a garment worker 50 years ago, or a worker's wife and child, how workers worked, lived, quarrelled, laughed, fought each other, fought the bosses, the cops and gangsters, celebrated Jewish and labor holi-days, built a union and downed the sweatshop. Class-consciousness with Sam Liptzin is not only a theory or conviction but a condition of his life and understanding; remarkably, too, his class feeling is always laced with humor, both good humor that chuckles and the sharp laugh that crows. He has lived and learned; we can laugh and learn.

Morris U. Schappes "JEWISH CURRENTS," October, 1965.



ZINGEN MIR

PEOPLES SING For Peace

Prepared by SAM LIPTZIN

CONTENTS OF SONGS IN ENGLISH:

The House I Live In 92
Go Down, Moses 92
We Shall Overcome 93
We Are People 95
The Star Spangled Banner 96
The Partisan Hymn 96

Price: $1.00

1965